בעזהשי"ת

קונטרס

# השמש בגבורתו

כולל בתוכו

נוסח ברכת החמה, תיאור מעמדי ברכת החמה אצל רבוה"ק זי"ע, שואל ומשיב, זקניך ויאמרו לך

*


יצא לאור לקראת תקופת

**קידוש החמה**

**ערב פסח תשס"ט הבעל"ט**

**בתלמוד תורה ויראה דרב"י ד'סאטמאר**

**קרית יואל יע"א**

יצא לאור ע״י

# מערכת הכתיבה

## בתלמוד תורה ויראה דרבנו יואל

## קרית יואל יע״א

845–783–0735

*

# אקדמות מילין!

**קידוש החמה... קידוש החמה... קידוש החמה...**

אין די טעג און וואכן וואו מ'שטייט און וואו מ'גייט איבעראל רעדט מען מיט באגייסטערונג פונעם **מעמד קידוש החמה** קומענדיגן ערב פסח הבעל"ט, פון איין זייט רעדט מען די הלכות מיט וואס דאס איז פארבינדן, אנדערע זענען פארנומען מיט די חשבונות ארום די זון. זיידעס דערציילן פאר די אייניקלעך פון זייערע זכרונות ווען זיי האבן זוכה געווען דאס לעצטע מאל מיטצוהאלטן דעם מעמד, און פון נאך פריערדיגע געלעגנהייטן ווען זיי האבן דאס מיטגעלעבט בצל קדשם פון צדיקים ומאורי הדור.

די סיבה פארוואס דער '**קידוש החמה**' איז אזא גרויסער עסק איז בעיקר צוליב דעם ווייל דאס איז זייער א זעלטענע געשעהניש, דער מעמד קומט פאר בלויז איינמאל אין אכט און צוואנציג יאר, אידן זענען זוכה מקיים צו זיין די מצוה צוויי מאל אדער דריי מאל אין לעבן, און בלויז זקנים מופלגים זענען זוכה דאס מקיים צו זיין פיר מאל. וואס געווענליך איז דאס א געוואלדיגע שמחה ביי די זקנים וואס זענען זוכה צו דערלעבן אזא מעמד נשגב.

ביי אידישע קינדער איז יעדע מצוה וואס מ'איז זוכה מקיים צו זיין מזמן לזמן א גאנצע עסק, יעדע מצות עשה שהזמן גרמא פראוועט מען מיט א גאנצע הכנה דרבה, מיטן גיין און מקוה, מיטן זאגן א לשם יחוד, און מיט א באזונדערע התרגשות און שבח והודאה פאר השי"ת אז מ'האט ווידער אמאל זוכה געווען דאס צו דערלעבן געזונטערהייט.

דאס זעהט מען אלעמאל ביי תקיעת שופר, אכילת מצוה, לישב בסוכה, הדלקת נר חנוכה, קריאת המגילה, ווי אזוי מ'גרייט זיך צו א מצוה מיט א התרגשות, מיט א ברען, מיט א חשק און א תשוקה, מ'לערנט חסיד'ישע ספרים און מ'מאכט די נויטיגע הכנות צו קענען מקיים זיין די מצוה כתיקונה.

דעריבער, שטייענדיג פאר אזא געהויבענעם זמן ווי צוגעפאסט איז ארויסצוגעבן דעם דאזיגן קונטרס מענינא דיומא, צו שילדערן פאר די תלמידים די גרויסקייט פון דעם מעמד און פארשידענע ענינים ארום דעם מעמד, כדי מ׳זאל זיך גרייטן צו דעם טאג מיט די ריכטיגע הכנה.

כדי צו האבן עטוואס א באגריף איבער דעם סדר און די מנהגים פון דעם מעמד בחצרות קדשינו וועלן מיר ווידמען א קאפיטל מיט א גענויע שילדערונג ווי אזוי דער מעמד איז געפראוועט געווארן בשנת תשי״ג לפ״ק ביי רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע לויט ווי עס האבן דאס איבערגעגעבן אידן וואס זענען דערביי געווען, און דער זעלבער נוסח איז געפראוועט געווארן מיט 28 יאר שפעטער ד׳ ניסן תשמ״א לפ״ק, ביי רביה״ק בעל ברך משה זי״ע.

מיר האפן אז דער קונטרס וועלן צוהעלפן צו האבן א שטיקל באגריף ארום די גאנצע מצוה פון קידוש החמה, און עס וועט זיין פאר א תועלת פאר אונזערע חשוב׳ע תלמידים.

השי״ת זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין נאך היי יאר צו פראווען דעם מעמד קידוש החמה אין ירושלים עיה״ק מיט משיח צדקינו אינאיינעם ושמחת עולם על ראשינו אינאיינעם מיט **כ״ק מרן רבינו עטת״ר שליט״א** במהרה בימינו אמן.

(קודם הברכה יאמר לשם יחוד, ואם חושש שמא יתקשרו השמים בעבים, לא יאמר לשם יחוד רק יתחיל יראוך עם שמש):

# וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ. וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ. וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

**פָּתַח** אֵלִיָּהוּ וְאָמַר רִבּוֹן עָלְמִין דְּאַנְתְּ הוּא חַד וְלָא בְּחוּשְׁבָּן. אַנְתְּ הוּא עִלָּאָה עַל כָּל עִלָּאִין. סְתִימָא עַל כָּל סְתִימִין. לֵית מַחֲשָׁבָה תְּפִיסָא בָךְ כְּלָל. אַנְתְּ הוּא דְּאַפִּיקַת עֲשַׂר תִּקּוּנִין וְקָרֵינָן לוֹן עֲשַׂר סְפִירָן. לְאַנְהָגָא בְהוֹן עָלְמִין סְתִימִין דְּלָא אִתְגַּלְיָן. וְעָלְמִין דְּאִתְגַּלְיָן. וּבְהוֹן אִתְכְּסִיאַת (נ״א אִתְכַּסְיָא) מִבְּנֵי נְשָׁא. וְאַנְתְּ הוּא דְקָשִׁיר לוֹן וּמְיַחֵד לוֹן. וּבְגִין דְּאַנְתְּ מִלְּגָאו כָּל מָאן דְּאַפְרִישׁ חַד מִן חַבְרֵהּ מֵאִלֵּין עֲשַׂר סְפִירָן אִתְחַשֵּׁב לֵיהּ כְּאִלּוּ אַפְרִישׁ בָּךְ. וְאִלֵּין עֲשַׂר סְפִירָן. אִנּוּן אָזְלִין כְּסִדְרָן. חַד אֲרִיךְ וְחַד קְצַר וְחַד בֵּינוּנִי. וְאַנְתְּ הוּא דְאַנְהִיג לוֹן וְלֵית מַאן דְּאַנְהִיג לָךְ לָא לְעֵלָּא וְלָא לְתַתָּא וְלָא מִכָּל סִטְרָא. לְבוּשִׁין תְּקִינַת לוֹן דְּמִנַּיְיהוּ פָּרְחִין נִשְׁמָתִין לִבְנֵי (נ״א דִבְנֵי) נְשָׁא. וְכַמָּה גוּפִין תְּקִינַת לוֹן דְּאִתְקְרִיאוּ גוּפָא לְגַבֵּי לְבוּשִׁין דִּמְכַסְיָין עֲלֵיהוֹן. וְאִתְקְרִיאוּ בְּתִקּוּנָא דָא. חֶסֶד דְּרוֹעָא יְמִינָא. גְּבוּרָה דְּרוֹעָא שְׂמָאלָא. תִּפְאֶרֶת גּוּפָא. נֶצַח וָהוֹד תְּרֵין שׁוֹקִין. וִיסוֹד סִיּוּמָא דְגוּפָא אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ. מַלְכוּת פֶּה תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה קָרֵינָן לָהּ. חָכְמָה מוֹחָא אִיהוּ מַחֲשָׁבָה מִלְּגָו. בִּינָה לִבָּא וּבָהּ הַלֵּב מֵבִין. וְעַל אִלֵּין תְּרֵין כְּתִיב הַנִּסְתָּרוֹת לַיהוה אֱלֹהֵינוּ. כֶּתֶר עֶלְיוֹן אִיהוּ כֶּתֶר מַלְכוּת. וַעֲלֵיהּ אִתְּמַר מַגִּיד מֵרֵאשִׁית אַחֲרִית. וְאִיהוּ קַרְקַפְתָּא דִתְפִילֵּי (נ״א קַרְקַפְתָּא דְלָא מָנַח תְּפִלֵּי). מִלְּגָאו אִיהוּ יוֹד קֵא וָאו קֵא דְאִיהוּ אֹרַח אֲצִילוּת. אִיהוּ שַׁקְיוּ דְאִילָנָא בִּדְרוֹעוֹי וְעַנְפּוֹי (נ״א וְאַנְפּוֹ) כְּמַיָּא דְאַשְׁקֵי לְאִילָנָא וְאִתְרַבֵּי בְּהַהוּא שַׁקְיוּ: רִבּוֹן הָעוֹלָמִים אַנְתְּ הוּא עִלַּת הָעִלּוֹת סִבַּת הַסִּבּוֹת דְּאַשְׁקֵי לְאִילָנָא בְּהַהוּא נְבִיעוּ. וְהַהוּא נְבִיעוּ אִיהוּ כְּנִשְׁמָתָא לְגוּפָא דְאִיהוּ חַיִּים לְגוּפָא. וּבָךְ לֵית דִּמְיוֹן וְלֵית דְּיוּקְנָא מִכָּל מַה דִּלְגָו וּלְבַר. וּבָרָאתָ שְׁמַיָּא וְאַרְעָא וְאַפִּיקַת מִנְּהוֹן שִׁמְשָׁא וְסִיהֲרָא וְכוֹכְבַיָּא וּמַזָּלֵי. וּבְאַרְעָא אִילָנִין וּדְשָׁאִין וְגִנְתָּא דְעֵדֶן (וְעִשְׂבִּין) וְחֵיוָן וְעוֹפִין וְנוּנִין וּבְנֵי נְשָׁא. לְאִשְׁתְּמוֹדְעָא בְהוֹן עִלָּאִין. וְאֵיךְ יִתְנַהֲגוּן בְּהוֹן עִלָּאִין וְתַתָּאִין. וְאֵיךְ אִשְׁתְּמוֹדְעָאן מֵעִלָּאֵי וְתַתָּאֵי. וְלֵית דְּיָדַע בָּךְ כְּלָל. וּבַר מִנָּךְ לֵית יְחִידָא (ס״א יְחוּדָא) בְּעִלָּאֵי וְתַתָּאֵי. וְאַנְתְּ

אִשְׁתְּמוֹדַע אָדוֹן עַל כֹּלָּא. וְכָל סְפִירָן כָּל חַד אִית לֵיהּ שֵׁם יְדִיעַ וּבְהוֹן אִיתְקְרִיאוּ מַלְאָכַיָּא. וְאַנְתְּ לֵית לָךְ שֵׁם יְדִיעַ דְּאַנְתְּ הוּא מְמַלֵּא כָּל שְׁמָהָן וְאַנְתְּ הוּא שְׁלִימוּ דְּכֻלְּהוּ. וְכַד אַנְתְּ תִּסְתַּלֵּק מִנְּהוֹן אִשְׁתָּאֲרוּ כֻּלְּהוּ שְׁמָהָן כְּגוּפָא בְּלָא נִשְׁמָתָא. אַנְתְּ חַכִּים וְלָאו בְּחָכְמָה יְדִיעָא. אַנְתְּ הוּא מֵבִין וְלָא מִבִּינָה יְדִיעָא. לֵית לָךְ אֲתַר יְדִיעָא. אֶלָּא לְאִשְׁתְּמוֹדְעָא תְּקְפָךְ וְחֵילָךְ לִבְנֵי נָשָׁא. וּלְאַחֲזָאָה לוֹן אֵיךְ אִתְנְהִיג עָלְמָא בְּדִינָא וּבְרַחֲמֵי דְּאִנּוּן צֶדֶק וּמִשְׁפָּט. כְּפוּם עוֹבְדֵיהוֹן דִּבְנֵי נָשָׁא. דִּין אִיהוּ גְּבוּרָה. מִשְׁפָּט עַמּוּדָא דְּאֶמְצָעִיתָא. צֶדֶק מַלְכוּתָא קַדִּישָׁא. מֹאזְנֵי צֶדֶק תְּרֵין סַמְכֵי קְשׁוֹט. הִין צֶדֶק אוֹת בְּרִית. כֹּלָּא לְאַחֲזָאָה אֵיךְ אִתְנַהֵיג עָלְמָא. אֲבָל לָאו דְּאִית לָךְ צֶדֶק יְדִיעָא דְּאִיהוּ דִּין. וְלָאו מִשְׁפָּט יְדִיעָא דְּאִיהוּ רַחֲמֵי. וְלָאו מִכָּל אִלֵּין מִדּוֹת כְּלָל:

**קוּם** רַבִּי שִׁמְעוֹן וְיִתְחַדְּשׁוּן מִלִּין עַל יְדָךְ דְּהָא רְשׁוּתָא אִית לָךְ לְגַלָּאָה רָזִין טְמִירִין עַל יְדָךְ מַה דְּלָא אִתְיַהִיב רְשׁוּ לְגַלָּאָה לְשׁוּם בַּר נַשׁ עַד כְּעַן:

**קָם** רַבִּי שִׁמְעוֹן פָּתַח וְאָמַר לְךָ יְיָ הַגְּדֻלָּה וְהַגְּבוּרָה וכו' עִלָּאִין שְׁמָעוּ אִנּוּן דְּמִיכִין דְּחֶבְרוֹן וְרַעְיָא מְהֵימְנָא אִתְעָרוּ מִשְּׁנַתְכוֹן. הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שׁוֹכְנֵי עָפָר אִלֵּין אִנּוּן צַדִּיקַיָּא דְּאִנּוּן מִסִּטְרָא דְּהַהוּא דְּאִתְּמַר בָּהּ אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי עֵר וְלָאו אִנּוּן מֵתִים וּבְגִין דָּא אִתְּמַר בְּהוֹן הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ וכו'. הָקִיצוּ רַעְיָא מְהֵימְנָא אִתְעַר אַנְתְּ וַאֲבָהָן לְאִתְעָרוּתָא דִּשְׁכִינְתָּא דְּאִיהִי יְשֵׁנָה בְּגָלוּתָא. דְּעַד כְּעַן צַדִּיקַיָּא כֻּלְּהוּ דְּמִיכִין וְשִׁינְתָּא בְּחוֹרֵיהוֹן. מִיָּד יְהִיבַת שְׁכִינְתָּא תְּלַת קָלִין לְגַבֵּי רַעְיָא מְהֵימְנָא וְיֵימָא לֵיהּ קוּם רַעְיָא מְהֵימְנָא דְּהָא עֲלָךְ אִתְּמַר קוֹל דּוֹדִי דוֹפֵק לְגַבָּאי בְּאַרְבַּע אַתְוָון דִּילֵיהּ. וְיֵימָא בְהוֹן פִּתְחִי לִי אֲחוֹתִי רַעְיָתִי יוֹנָתִי תַמָּתִי דְּהָא תַּם עֲוֹנֵךְ בַּת צִיּוֹן לֹא יוֹסִיף לְהַגְלוֹתֵךְ. שֶׁרֹּאשִׁי נִמְלָא טָל. מַאי נִמְלָא טָל. אֶלָּא אָמַר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אַנְתְּ חֲשִׁיבַת דְּמִיּוֹמָא דְּאִתְחָרַב בֵּי מַקְדְּשָׁא דְּעָאלְנָא בְּבֵיתָא דִּילִי וְעָאלְנָא בְּיִשּׁוּבָא. לָאו הָכִי דְּלָא עָאלְנָא כָּל זִמְנָא דְּאַנְתְּ בְּגָלוּתָא. הֲרֵי לָךְ סִימָנָא שֶׁרֹּאשִׁי נִמְלָא טָל. הֵ"א שְׁכִינְתָּא בְּגָלוּתָא. שְׁלִימוּ דִּילָהּ. וְחַיִּים דִּילָהּ אִיהוּ טָל. וְדָא אִיהוּ יוּ"ד ה"א וא"ו. וְה"א אִיהִי שְׁכִינְתָּא דְּלָא מֵחוּשְׁבַּן טַ"ל. אֶלָּא יוד קא ואו דְּסַלִּיקוּ אַתְוָון לְחֻשְׁבַּן טַ"ל. דְּאִיהוּ מַלְיָא לִשְׁכִינְתָּא מִנְּבִיעוּ דְּכָל מְקוֹרִין עִלָּאִין. מִיָּד קָם רַעְיָא מְהֵימְנָא וַאֲבָהָן קַדִּישִׁין עִמֵּיהּ. עַד כָּאן רָזָא דְּיִחוּדָא:

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי מְאֹרֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהַבְדִּיל בֵּין הַיּוֹם וּבֵין הַלָּיְלָה וְהָיוּ לְאֹתֹת וּלְמוֹעֲדִים וּלְיָמִים וְשָׁנִים:

וְהָיוּ לִמְאוֹרֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהָאִיר עַל־הָאָרֶץ וַיְהִי־כֵן:

וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים אֶת־הַמָּאוֹר הַגָּדֹל לְמֶמְשֶׁלֶת הַיּוֹם וְאֶת־הַמָּאוֹר הַקָּטֹן לְמֶמְשֶׁלֶת הַלַּיְלָה וְאֵת הַכּוֹכָבִים:

וַיִּתֵּן אֹתָם אֱלֹהִים בִּרְקִיעַ הַשָּׁמָיִם לְהָאִיר עַל־הָאָרֶץ:

וְלִמְשֹׁל בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה וּלְהַבְדִּיל בֵּין הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב: וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי: פ

ירמיה סימן ל״א ל״ד-ל״ט

לד כֹּה | אָמַר יְהוָה נֹתֵן שֶׁמֶשׁ לְאוֹר יוֹמָם חֻקֹּת יָרֵחַ וְכוֹכָבִים לְאוֹר לָיְלָה רֹגַע הַיָּם וַיֶּהֱמוּ גַלָּיו יְהוָה צְבָאוֹת שְׁמוֹ:

לה אִם־יָמֻשׁוּ הַחֻקִּים הָאֵלֶּה מִלְּפָנַי נְאֻם־יְהוָה גַּם זֶרַע יִשְׂרָאֵל יִשְׁבְּתוּ מִהְיוֹת גּוֹי לְפָנַי כָּל־הַיָּמִים:

לו כֹּה | אָמַר יְהוָה אִם־יִמַּדּוּ שָׁמַיִם מִלְמַעְלָה וְיֵחָקְרוּ מוֹסְדֵי־אֶרֶץ לְמָטָּה גַּם־אֲנִי אֶמְאַס בְּכָל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל עַל־כָּל־אֲשֶׁר עָשׂוּ נְאֻם־יְהוָה:

לז הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְנִבְנְתָה הָעִיר לַיהוָה מִמִּגְדַּל חֲנַנְאֵל שַׁעַר הַפִּנָּה:

לח **וְיָצָא** עוֹד קָו הַמִּדָּה נֶגְדּוֹ עַל גִּבְעַת גָּרֵב וְנָסַב גֹּעָתָה:
לט **וְכָל־**הָעֵמֶק הַפְּגָרִים ׀ וְהַדֶּשֶׁן וְכָל־הַשְּׁדֵמוֹת עַד־נַחַל קִדְרוֹן עַד־פִּנַּת שַׁעַר הַסּוּסִים מִזְרָחָה קֹדֶשׁ לַיהוָה לֹא־יִנָּתֵשׁ וְלֹא־יֵהָרֵס עוֹד לְעוֹלָם:

**הוֹדוּ** לַיהוה כִּי טוֹב · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
הוֹדוּ לֵאלֹהֵי הָאֱלֹהִים · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
הוֹדוּ לַאֲדֹנֵי הָאֲדֹנִים · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְעֹשֵׂה הַשָּׁמַיִם בִּתְבוּנָה · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְרוֹקַע הָאָרֶץ עַל הַמָּיִם · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
לְעֹשֵׂה אוֹרִים גְּדֹלִים · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
אֶת הַשֶּׁמֶשׁ לְמֶמְשֶׁלֶת בַּיּוֹם · כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:
אֶת הַיָּרֵחַ וְכוֹכָבִים לְמֶמְשְׁלוֹת בַּלָּיְלָה · כִּלְ"חַ:

**לְשֵׁם** יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ לְיַחֲדָא שֵׁם י"ה בו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל. הִנֵּה אֲנַחְנוּ בָּאִים לְבָרֵךְ עַל רְאִיַּת הַחַמָּה בִּתְקוּפָתָהּ כְּמוֹ שֶׁתִּקְּנוּ לָנוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וּלְתַקֵּן אֶת שָׁרְשָׁהּ בְּמָקוֹם עֶלְיוֹן. וַאֲנַחְנוּ מְכַוְּונִים לְפָאֵר שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ שֶׁאַתָּה הוּא רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים אֲדוֹן כָּל הָעוֹלָמִים עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים. וּצְבָא הַשָּׁמַיִם לְךָ מִשְׁתַּחֲוִים. נוֹטֶה שָׁמַיִם וְיוֹסֵד אָרֶץ. אֲשֶׁר הֲכִינוֹתָ וּפָעַלְתָּ זָהֳרֵי חַמָּה. וַאֲנַחְנוּ מְקַבְּלִים עָלֵינוּ וְעַל זַרְעֵינוּ וְעַל זֶרַע זַרְעֵינוּ עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת אֲדָנוּתֵךְ וֶאֱלָהוּתֵךְ יִתְבָּרֵךְ שִׁמְךָ וְאַהֲבָתֶיךָ וְיִרְאָתֶיךָ וְיִחוּדֶיךָ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ כִּרְצוֹנְךָ וּלְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת בְּלֵבָב שָׁלֵם. וְיַעֲלֶה לְפָנֶיךָ בְּרָכָה זוּ כְּאִלּוּ כִּיַּוַּנְנוּ בְּכָל הַכַּוָּנוֹת הָרְאוּיוֹת לְכַוֵּין. וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ. לֵב טָהוֹר בְּרָא לָנוּ אֱלֹהֵינוּ וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבֵּנוּ. וְשָׁמְרֵנוּ וְתַצִּילֵנוּ מִכָּל פְּגָעִים וּמִקְרִים רָעִים הַמִּתְחַדְּשִׁים לָבֹא בְּמַחֲזוֹר זֶה בְּכָל יוֹם וָיוֹם וּבְכָל שָׁעָה וְשָׁעָה וּבְכָל רֶגַע וָרֶגַע. וּבְצֵל

בִּכְנָפֶיךָ תַּסְתִּירֵנוּ כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ עַל גּוֹזָלָיו יְרַחֵף. וּשְׁמוֹר צֵאתֵנוּ וּבוֹאֵנוּ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וְגַם עַד זִקְנָה וְשֵׂיבָה אֱלֹהִים עַל תַּעַזְבֵנִי עַד אַגִּיד זְרוֹעֲךָ לְדוֹר לְכָל יָבֹא גְּבוּרוֹתֶיךָ. וְעוֹרְרָה אֶת גְּבוּרוֹתֶיךָ לְהַעֲבִיר גִּלּוּלִים מִן הָאָרֶץ וְהָאֱלִילִים כָּרוֹת יִכָּרֵתוּן לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי. יֵבוֹשׁוּ כָּל עוֹבְדֵי פֶסֶל הַמִּתְהַלְלִים בָּאֱלִילִים וְהֵמָּה מִשְׁתַּחֲוִים קֵדְמָה לַשֶּׁמֶשׁ יֹאבְדוּ כָּל אוֹיְבֶיךָ יְיָ. וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ. וְקַיֵּים לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם יְיָ לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד. וְהָיָה יְיָ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְיָ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִינוּ וְהֶגְיוֹן לִבֵּנוּ לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרֵנוּ וְגוֹאֲלֵנוּ. לְךָ יוֹם אַף לְךָ לָיְלָה. אַתָּה הֲכִינוֹתָ מָאוֹר וָשָׁמֶשׁ כִּי שֶׁמֶשׁ וּמָגֵן יְיָ אֱלֹהִים חֵן וְכָבוֹד יִתֵּן יְיָ לֹא יִמְנַע טוֹב לַהוֹלְכִים בְּתָמִים:

**י** יִירָאוּךָ עִם שָׁמֶשׁ וְלִפְנֵי יָרֵחַ דּוֹר דּוֹרִים: (תהלים ע"ב ה')

**ה**וֹדִינוּ לְּךָ אֱלֹהִים הוֹדִינוּ וְקָרוֹב שְׁמֶךָ סִפְּרוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ: (שם ע"ה ב')

**ו** זָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ וִיצָאתֶם וּפִשְׁתֶּם כְּעֶגְלֵי מַרְבֵּק: (מלאכי ג' כ')

**ה**גִּידוּ הַשָּׁמַיִם צִדְקוֹ וְרָאוּ כָל הָעַמִּים כְּבוֹדוֹ: (תהלים צ"ז ו')

**הַלְלוּיָהּ. הַלְלוּ אֶת יהוה מִן הַשָּׁמַיִם. הַלְלוּהוּ בַּמְּרוֹמִים: הַלְלוּהוּ כָל מַלְאָכָיו. הַלְלוּהוּ כָּל צְבָאָיו: הַלְלוּהוּ שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ. הַלְלוּהוּ כָּל כּוֹכְבֵי אוֹר: הַלְלוּהוּ שְׁמֵי הַשָּׁמָיִם. וְהַמַּיִם אֲשֶׁר מֵעַל הַשָּׁמָיִם: יְהַלְלוּ אֶת שֵׁם יהוה. כִּי הוּא צִוָּה וְנִבְרָאוּ: וַיַּעֲמִידֵם לָעַד לְעוֹלָם. חָק נָתַן וְלֹא יַעֲבוֹר:**

# בָּרוּךְ אַתָּה יהוה, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית:

אָנָּא בְּכֹחַ, גְּדֻלַּת יְמִינְךָ, תַּתִּיר צְרוּרָה: אב"ג ית"ץ
קַבֵּל רִנַּת, עַמְּךָ שַׂגְּבֵנוּ, טַהֲרֵנוּ נוֹרָא: קר"ע שט"ן
נָא גִבּוֹר, דּוֹרְשֵׁי יִחוּדְךָ, כְּבָבַת שָׁמְרֵם: נג"ד יכ"ש
בָּרְכֵם טַהֲרֵם, רַחֲמֵי צִדְקָתְךָ, תָּמִיד גָּמְלֵם: בט"ר צת"ג
חֲסִין קָדוֹשׁ, בְּרוֹב טוּבְךָ, נַהֵל עֲדָתֶךָ: חק"ב טנ"ע
יָחִיד גֵּאֶה, לְעַמְּךָ פְּנֵה, זוֹכְרֵי קְדֻשָּׁתֶךָ: יג"ל פז"ק
שַׁוְעָתֵנוּ קַבֵּל, וּשְׁמַע צַעֲקָתֵנוּ, יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת: שק"ו צי"ת
בלחש בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר שִׁיר: אֱלֹהִים יְחָנֵּנוּ וִיבָרְכֵנוּ יָאֵר פָּנָיו אִתָּנוּ סֶלָה: לָדַעַת בָּאָרֶץ דַּרְכֶּךָ בְּכָל גּוֹיִם יְשׁוּעָתֶךָ: יוֹדוּךָ עַמִּים אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם: יִשְׂמְחוּ וִירַנְּנוּ לְאֻמִּים כִּי תִשְׁפּוֹט עַמִּים מִישׁוֹר וּלְאֻמִּים בָּאָרֶץ תַּנְחֵם סֶלָה: יוֹדוּךָ עַמִּים אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם: אֶרֶץ נָתְנָה יְבוּלָהּ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ: יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים וְיִירְאוּ אוֹתוֹ כָּל אַפְסֵי אָרֶץ:

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל. וּמַעֲשֵׂה יָדָיו מַגִּיד הָרָקִיעַ: יוֹם לְיוֹם יַבִּיעַ אֹמֶר. וְלַיְלָה לְּלַיְלָה יְחַוֶּה דָּעַת: אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים. בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם: בְּכָל הָאָרֶץ יָצָא קַוָּם. וּבִקְצֵה תֵבֵל מִלֵּיהֶם. לַשֶּׁמֶשׁ שָׂם אֹהֶל בָּהֶם: וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ. יָשִׂישׂ כְּגִבּוֹר לָרוּץ אֹרַח: מִקְצֵה הַשָּׁמַיִם מוֹצָאוֹ. וּתְקוּפָתוֹ עַל קְצוֹתָם. וְאֵין נִסְתָּר מֵחַמָּתוֹ: תּוֹרַת יהוה תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ. עֵדוּת יהוה נֶאֱמָנָה מַחְכִּימַת פֶּתִי:

פִּקּוּדֵי יהוה יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב. מִצְוַת יהוה בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם: יִרְאַת יהוה טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד. מִשְׁפְּטֵי יהוה אֱמֶת. צָדְקוּ יַחְדָּו: הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב. וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים: גַּם עַבְדְּךָ נִזְהָר בָּהֶם. בְּשָׁמְרָם עֵקֶב רָב: שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין. מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי: גַּם מִזֵּדִים חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ. אַל יִמְשְׁלוּ בִי אָז אֵיתָם. וְנִקֵּיתִי מִפֶּשַׁע רָב: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ. יהוה צוּרִי וְגֹאֲלִי:

שִׁיר לַמַּעֲלוֹת. אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים. מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי: עֶזְרִי מֵעִם יהוה. עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ: אַל יִתֵּן לַמּוֹט רַגְלֶךָ. אַל יָנוּם שֹׁמְרֶךָ: הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן. שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל: יהוה שֹׁמְרֶךָ. יהוה צִלְּךָ עַל יַד יְמִינֶךָ: יוֹמָם הַשֶּׁמֶשׁ לֹא יַכֶּכָּה. וְיָרֵחַ בַּלָּיְלָה: יהוה יִשְׁמָרְךָ מִכָּל רָע. יִשְׁמֹר אֶת נַפְשֶׁךָ: יהוה יִשְׁמָר צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ. מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

(ברכות דף נ"ט ע"ב)

תָּנוּ רַבָּנָן, הָרוֹאֶה חַמָּה בִּתְקוּפָתָהּ, לְבָנָה בִּגְבוּרָתָהּ, וְכוֹכָבִים בִּמְסִילוֹתָם, וּמַזָּלוֹת כְּסִדְרָן, אוֹמֵר בָּרוּךְ עוֹשֵׂה בְרֵאשִׁית. וְאֵימַת הָוֵי, אָמַר אַבַּיֵי כָּל עֶשְׂרִים וּשְׁמוֹנָה שְׁנִין, וְהָדַר מַחְזוֹר וְנָפְלָה תְּקוּפַת נִיסָן בְּשַׁבְּתָאִי בְּאוֹרְתָּא דִּתְלַת נָגְהֵי אַרְבַּע:

(ברייתא דפרק שירה)

שֶׁמֶשׁ אוֹמֵר, שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ לְנֹגַהּ בְּרַק חֲנִיתֶךָ: (חבקוק ג' י"א)

קוּמִי אוֹרִי כִּי בָא אוֹרֵךְ. וּכְבוֹד יהוה עָלַיִךְ זָרָח: (ישעי' ס' א')

(אמירת נוסח זה הביאו הרב חתם סופר ז"ל בסוף תשובה נ"ו)

אֵל אָדוֹן עַל כָּל הַמַּעֲשִׂים. בָּרוּךְ וּמְבֹרָךְ בְּפִי כָּל הַנְּשָׁמָה. גָּדְלוֹ וְטוּבוֹ מָלֵא עוֹלָם. דַּעַת וּתְבוּנָה

סוֹבְבִים הוֹדוֹ: הַמִּתְגָּאֶה עַל חַיּוֹת הַקֹּדֶשׁ. וְנֶהְדָּר בְּכָבוֹד עַל הַמֶּרְכָּבָה. זְכוּת וּמִישׁוֹר לִפְנֵי כִסְאוֹ. חֶסֶד וְרַחֲמִים מָלֵא כְבוֹדוֹ: טוֹבִים מְאוֹרוֹת שֶׁבָּרָא אֱלֹהֵינוּ. יְצָרָם בְּדַעַת בְּבִינָה וּבְהַשְׂכֵּל. כֹּחַ וּגְבוּרָה נָתַן בָּהֶם. לִהְיוֹת מוֹשְׁלִים בְּקֶרֶב תֵּבֵל: מְלֵאִים זִיו וּמְפִיקִים נוֹגַהּ. נָאֶה זִיוָם בְּכָל הָעוֹלָם. שְׂמֵחִים בְּצֵאתָם וְשָׂשִׂים בְּבוֹאָם. עוֹשִׂים בְּאֵימָה רְצוֹן קוֹנָם: פְּאֵר וְכָבוֹד נוֹתְנִים לִשְׁמוֹ. צָהֳלָה וְרִנָּה לְזֵכֶר מַלְכוּתוֹ. קָרָא לַשֶּׁמֶשׁ וַיִּזְרַח אוֹר. רָאָה וְהִתְקִין צוּרַת הַלְּבָנָה: שֶׁבַח נוֹתְנִים לוֹ כָּל צְבָא מָרוֹם. תִּפְאֶרֶת וּגְדֻלָּה שְׂרָפִים וְחַיּוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקֹּדֶשׁ: שִׁמְךָ יהוה אֱלֹהֵינוּ יִתְקַדֵּשׁ. וְזִכְרְךָ מַלְכֵּנוּ יִתְפָּאַר. בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת. תִּתְבָּרֵךְ מוֹשִׁיעֵנוּ עַל כָּל שֶׁבַח מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ. וְעַל מְאוֹרֵי אוֹר שֶׁעָשִׂיתָ שֶׁיָּצַרְתָּ הֵמָּה יְפָאֲרוּךָ סֶּלָה:

**עָלֵינוּ** לְשַׁבֵּחַ לַאֲדוֹן הַכֹּל. לָתֵת גְּדֻלָּה לְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית. שֶׁלֹּא עָשָׂנוּ כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת. וְלֹא שָׂמָנוּ כְּמִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה. שֶׁלֹּא שָׂם חֶלְקֵנוּ כָּהֶם וְגוֹרָלֵנוּ כְּכָל הֲמוֹנָם: (*) וַאֲנַחְנוּ כּוֹרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים וּמוֹדִים לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: שֶׁהוּא נוֹטֶה שָׁמַיִם וְיוֹסֵד אָרֶץ. וּמוֹשַׁב יְקָרוֹ בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל. וּשְׁכִינַת עֻזּוֹ בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים: הוּא אֱלֹהֵינוּ אֵין עוֹד. אֱמֶת מַלְכֵּנוּ. אֶפֶס זוּלָתוֹ. כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתוֹ. וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ. כִּי יהוה הוּא הָאֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת. אֵין עוֹד:

**עַל** כֵּן נְקַוֶּה לְּךָ יהוה אֱלֹהֵינוּ לִרְאוֹת מְהֵרָה בְּתִפְאֶרֶת עֻזֶּךָ. לְהַעֲבִיר גִּלּוּלִים מִן הָאָרֶץ. וְהָאֱלִילִים כָּרוֹת יִכָּרֵתוּן.

לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי. וְכָל בְּנֵי בָשָׂר יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ לְהַפְנוֹת אֵלֶיךָ כָּל רִשְׁעֵי אָרֶץ. יַכִּירוּ וְיֵדְעוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל. כִּי לְךָ תִּכְרַע כָּל בֶּרֶךְ. תִּשָּׁבַע כָּל לָשׁוֹן. לְפָנֶיךָ יהוה אֱלֹהֵינוּ יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ. וְלִכְבוֹד שִׁמְךָ יְקָר יִתֵּנוּ. וִיקַבְּלוּ כֻלָּם אֶת עֹל מַלְכוּתֶךָ. וְתִמְלֹךְ עֲלֵיהֶם מְהֵרָה לְעוֹלָם וָעֶד. כִּי הַמַּלְכוּת שֶׁלְּךָ הִיא וּלְעוֹלְמֵי עַד תִּמְלֹךְ בְּכָבוֹד. כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתֶךָ. יהוה יִמְלֹךְ לְעֹלָם וָעֶד: וְנֶאֱמַר. וְהָיָה יהוה לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ. בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יהוה אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד:

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר, רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת. שֶׁנֶּאֱמַר יהוה חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר:

קדיש דרבנן

**יִתְגַּדַּל** וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא. בְּעָלְמָא דִּי בְרָא כִרְעוּתֵהּ וְיַמְלִיךְ מַלְכוּתֵהּ וְיַצְמַח פּוּרְקָנֵהּ וִיקָרֵב מְשִׁיחֵהּ. בְּחַיֵּיכוֹן וּבְיוֹמֵיכוֹן וּבְחַיֵּי דְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב, וְאִמְרוּ אָמֵן: יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא: יִתְבָּרֵךְ וְיִשְׁתַּבַּח וְיִתְפָּאַר וְיִתְרוֹמֵם וְיִתְנַשֵּׂא וְיִתְהַדָּר וְיִתְעַלֶּה וְיִתְהַלָּל שְׁמֵהּ דְּקוּדְשָׁא. בְּרִיךְ הוּא. לְעֵלָּא מִן כָּל (בעשי״ת לְעֵלָּא לְעֵלָּא מִכָּל) בִּרְכָתָא וְשִׁירָתָא תֻּשְׁבְּחָתָא וְנֶחֱמָתָא דַּאֲמִירָן בְּעָלְמָא. וְאִמְרוּ אָמֵן:

**עַל** יִשְׂרָאֵל וְעַל רַבָּנָן. וְעַל תַּלְמִידֵיהוֹן וְעַל כָּל תַּלְמִידֵי תַלְמִידֵיהוֹן. וְעַל כָּל מַאן דְּעָסְקִין בְּאוֹרַיְתָא. דִּי בְאַתְרָא הָדֵין וְדִי בְכָל אֲתַר וַאֲתַר. יְהֵא לְהוֹן וּלְכוֹן שְׁלָמָא רַבָּא חִנָּא וְחִסְדָּא וְרַחֲמִין וְחַיִּין אֲרִיכִין וּמְזוֹנָא רְוִיחָא. וּפֻרְקָנָא מִן קֳדָם אֲבוּהוֹן דִּי בִשְׁמַיָּא וְאַרְעָא וְאִמְרוּ אָמֵן: יְהֵא שְׁלָמָא רַבָּא מִן שְׁמַיָּא וְחַיִּים טוֹבִים עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל. וְאִמְרוּ אָמֵן: עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו הוּא בְּרַחֲמָיו יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל וְאִמְרוּ אָמֵן:

**יְהִי** רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. כְּמוֹ שֶׁהֶחֱיִתָנוּ וְקִיַּמְתָּנוּ וְהִגַּעְתָּנוּ לְבָרֵךְ בְּרָכָה זֹאת. כֵּן תְּחַיֵּנוּ וּתְקַיְּמֵנוּ וּתְחָנֵנוּ וּתְזַכֵּנוּ לְבָרְכָהּ בִּתְקוּפוֹת הַחַמָּה הָאֲחֵרוֹת הַבָּאוֹת עָלֵינוּ לְשָׁלוֹם. שְׂמֵחִים בְּבִנְיַן עִירֶךָ וְשָׂשִׂים בַּעֲבוֹדָתֶךָ. וּתְזַכֵּנוּ לִרְאוֹת פְּנֵי מְשִׁיחֶךָ. וְיִתְקַיֵּים בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב עַל יְדֵי נְבִיאֶךָ כָּאָמוּר. וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וְאוֹר הַחַמָּה יִהְיֶה שִׁבְעָתַיִם כְּאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים, בְּיוֹם חֲבֹשׁ יְהוָֹה אֶת שֶׁבֶר עַמּוֹ וּמַחַץ מַכָּתוֹ יִרְפָּא. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה:

# מעמד קידוש החמה
## תשי״ג

אסרו חג פסח, כ״ג ניסן תשי״ג לפ״ק.

דאס איז געווען די איינציגסטע מאל וואס רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי״ע האט זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה פון ברכת החמה על אדמת אמעריקע.[1]

### די הכרזה אין בית המדרש

אחרון של פסח פאר מוסף האט דער רבי געהייסן דעם שמש אויסרופן אין בית המדרש אז מארגן אינדערפרי נאך זעקס אזייגער וועט מען זיך צונויפקומען צו מאכן ברכת החמה ברוב עם.[2]

---

[1] דער רבי הדברי״י זי״ע איז געבוירן געווארן ח״י טבת תרמ״ז לפ״ק, דער ערשטער קידוש החמה בשנת תרנ״ז האט ער בייגעוואוינט אלס צען יעריג קינד אין סיגעט ביים טאטן דער קדושת יו״ט זי״ע. די צווייטע ערב פסח תרפ״ה לפ״ק אלס רב אין אורשיווע. די דריטע אסרו חג פסח תשי״ג אין וויליאמסבורג. דער רבי איז נסתלק געווארן כ״ו מנחם אב תשל״ט, ארום אנדערהאלבן יאר פארן פערטן קידוש החמה ד׳ ניסן תשמ״א לפ״ק.

[2] דאס ענין פון אויסרופן אין בית המדרש דעם זמן פון קידוש החמה ווערט געברענגט אין די פוסקים. אין מגן אברהם (או״ח סי׳ רכ״ט) ברענגט ער בשם מהרי״ל אז דער שמש זאל א נאכט בעפאר ביי מעריב אויסרופן אז מארגן גייט פארקומען דער מעמד ברכת החמה.

איבערן ענין פון אויסרופן דעם מעמד קידוש החמה איז אינטערעסאנט צו ציטירן פון ספר ״מנהגי ווירמייזא״ געשריבן דורכ׳ן שמש פון ווירמייזא ר׳ יוזפא ע״ה, דארט דערציילט דער שמש איבער דריי מאל וואס ער האט מיטגעלעבט ברכת החמה: דאס ערשטע מאל וואס ער האט מיטגעהאלטן איז געווען מחזור קצ״ג [ד.ה. דער 193 מאל וואס מען מאכט ברכות החמה זינט די וועלט שטייט, און דאס ווערט אנגערופן מיטן נאמען מחזור] און דערנאך צוויי מחזורים קצ״ד און קצ״ה.

לויט די יארן קומט אויס דער ערשטער מחזור - וואס ווי געשריבן איז עס געווען מחזור 193 איז אויסגעפאלן אינעם יאר ה׳ אלפים שע״ז כ״ט אדר, דאס צווייטע מאל - מחזור קצ״ד - אינעם יאר ט׳ ניסן אדר ה׳ ת״ה. און דאס דריטע מאל - מחזור קצ״ה - אינעם יאר י״ט ניסן ה׳תל״ג.

ביים ערשטן מחזור איז ער נאך געווען א קינד, און ער שילדערט ווי ער געדענקט עס אין זיין געבורט שטאט בולדא, די אנדערע צוויי מאל דערנאך שרייבט ער וואס ס׳האט זיך אפגעטון אין ווירמייזא זעלבסט און ווי אזוי ער האט געדינט אלץ שמש, און איבערן פערטן מאל מחזור קצ״ו אינעם יאר ה׳ תס״א בעט ער

אין יענע טעג איז געווען א שווערער וועטער, עס איז געווען שטארק פארוואלקנט, און עס איז געגאנגען א רעגן, האט מען געפרעגט דעם רבי'ן "וואס וועט מען טון אויב עס וועט זיין פארוואלקענט און מ'וועט נישט זעהן די זון? וועט מען זיך אויך צוזאמען קומען מאכן די ברכה?!", דער רבי האט נישט געוואלט ענטפערט אויף די שאלה, נאר ער האט געהייסן אז מ'זאל קודם אויסרופן און נאכדעם וועט מען שוין זעהן בשעת מעשה וואס צו טון.[3]

---

שרייבנדיג די ווערטער אז דער באשעפער זאל אים געבן אז ער זאל עס דערלעבן, אבער עס איז קענטליך אז ער האט עס נישט דערלעבט, וויבאלד ער שילדערט עס נישט.

שרייבט ער אזוי: דער מנהג אין ווירמייזא איז געווען אז דער ציבור האט זיך איינגעזאמלט אין שול און מען האט געדאוונט און נאך ביים דאווענען האט דער שמש אינפארמירט דעם עולם אז היינט וועט מען אפרעכטן א מעמד ברכת החמה און אז דער ציבור זאל זיין פארגעברייט צו די צייט, וואס דאס איז געווען נאכן דריטן שעה, איידערן פערטן שעה.

און דער שמש שילדערט אז עס איז טאקע אזוי געווען, דער עולם האט געווארט עס זאל ווערן צווישן די דריטע און פערטע שעה פון טאג, און ווען עס איז אנגעקומען די צייט איז דער שמש ארויס און איינגעלאדנט דעם ציבור מיטן נוסח: "חמה מקדש זיין" און ווי נאר דער עולם האט דעהערט דעם רוף האט מען זיך צונויפגענומען אונטערן "ברייט הויז" און דארט לעיני השמש האט מען געמאכט די ברכה מיט גרויס התלהבות ווי עס פאסט זיך פאר אזא זעלטענע מצוה.

[3] פאר יעדע "קידוש החמה" הערשט א זארג אז מ'זאל טאקע זעהן די זון, אדער כאטש די זונען שטראלן, ווייל אויב מ'זעהט נישט ארויס די זונען שטראלן, ווערט א ערענסטע שאלה צי מ'קען בכלל מאכן די ברכה.

לויט א טייל פוסקים מוז מען זעהן קלאר די זון איידער מען מאכט די ברכה, אויב איז פארוואלקנט און מ'זעט נישט קלאר די זון איז א שאלה. אין שו"ת חתם סופר (חלק או"ח סי' נ"ו) שרייבט דער חתם סופר אז אויב זעט מען אינגאנצן נישט די זון זאל מען נישט מאכן א ברכה, אויב אבער זעט מען יא, נאר מען זעט נישט קלאר קען מען מאכן די ברכה.

דערציילט דער חתם סופר "איך געדענק אז אינעם יאר תקמ"ה בין איך געווען צוזאמען מיט מיין רבי'ן הגה"ק ר' נתן אדלער זצוק"ל און עס איז געווען פארוואלקנט, דער רבי האט זיך אנגעלאנט אויף מיין האנט און געמאכט די ברכה. דעמאלטס האט מען טאקע נישט געזען די זון לייכטן, עס איז געווען פארדעקט מיט וואלקענס אבער עפעס א שטראל האט מען יא געזען, און דעריבער האט דער רבי געמאכט די ברכה, וואלט ווען נישט געווען דער שטראל אויך נישט, וואלט ווען דער רבי נישט געמאכט די ברכה".

אויך דער חיד"א אין מחזיק ברכה (סי' רכ"ט) שרייבט אז מען מוז זען די זון און שליסט זיין דיעה מיט די ווערטער "והנכון לברך במקום שרואה גלגל החמה".

דער הייליגער קאמארנער שרייבט אין ספר שלחן הטהור אז ער געווען אנוועזענד ביים ברכת החמה בשנת תר"א וואו די זון האט זיך באהאלטן און אלע זענען געשטאנען און געווארט, אבער ער האט נישט געווארט, נאר געמאכט די ברכה פאר זיך שטילערהייט, ולפלא אז בשעת ער האט געמאכט די ברכה איז פלוצלונג די זון ארויסגעקומען.

עס איז דא אזעלכע וואס שרייבן אז עס קען נישט זיין אז מען זאל מוזן זען די זון, ווייל מען קען דאך נישט קוקן אויף די זון, מען קען נאר בליקן און א בליק הייסט נישט געזען, און דאס איז א טעכנישע ראיה מען זאל נישט מוזן זען דעם זון בעפאר מען מאכט די ברכה פון חידוש החמה. צוליב דעם פסק'נט דער מאמר מרדכי (ליקוטים והשמטות סוף חלק ב') אז אפילו ווען מען זעט נישט די זון און עס איז פארוואלקנט קען מען רואיג מאכן די ברכה, ער פירט אויס אז מען דארף זען די הימל און וואו דער זון צושפרייט זיך, אבער די זון אליין פעלט נישט אויס צו זען. אויך דער בוטשאטש'ער רב אין אשל אברהם (סי' רכ"ט) זאגט די זעלבע זאך.

## תורה לא בשמים היא...

דער וועטער-נביא האט פאראויס געזאגט אז עס וועט זיין פארוואלקנט אויפמארגן, און אידן זענען געווארן זייער באזארגט, וואס וועט זיין, צי וועט מען ח"ו נישט קענען מקיים זיין די זעלטענע מצוה נאך אזויפיל יארן וואס מ'ווארט דערויף?!... עס איז געווארן א פלאן ביי חסידים פון אנדערע קרייזן אז מ'זאל דינגען א העליקאפטער און ארויף פליעהן העכער די וואלקענעס און דארט מאכן די ברכה אויף די זון.

אחרון של פסח נאכן טיש האט מען דאס אויפגעברענגט על שולחן מלכים, און דערציילט פארן רבי'ן איבער דעם פלאן, און דער עולם האט געוואלט הערן וואס דער רבי זאגט דערצו.[4]

דער רבי זי"ע האט דאס אבער נישט געוואלט אננעמען, ער האט געזאגט אז עס איז דא אן הלכה, און אין תשו' חתם סופר פסק'עט מען אז אויב מ'זעהט נישט די זון מאכט מען נישט קיין ברכה,[5] און עס איז נישטא קיין סיבה פארוואס צו פליעהן מיט א העליקאפטער.

---

אויך אין שו"ת כח שור (ח"א כ"ו) שרייבט דער מחבר א סברא צו זאגן אז ביי לבנה דארף מען זען, ווייל ביי די לבנה מאכט מען דאך א ברכה אויפן באנייאונג פון די לבה, און ווען די לבנה באנייט זיך זעט מען, מען זעט סוף חודש ווי ער ווערט קליין, און ווי ער איז פיצל אנהייב חודש און ווי אינמיטן חודש איז ער גרויס, וואס טאקע צוליב דעם, ווייל ט"ו איז ער גרויס און שיין און נאכער ווערט ער קלענער קען מען פון ט"ו און ווייטער לכתחילה נישט מאכן קידוש לבנה ווייל פון דעמאלטס ווערט ער קלענער, אבער ביים זון זעט מען דאך גארנישט ער באנייט זיך נישט, ער ווערט נישט גרעסער און נישט קלענער, איז דאך די ברכה נאר אויפן באנייאונג וואס מיר ווייסן פון וויסענשאפט דעריבער דארף מען נישט זעהן.

[4] מפי הרה"ג ר' אלימלך יודא לאנדא שליט"א ר"מ בישיבה"ק.

[5] אין ספר דבר יום ביומו ברענגט ער אז אינעם יאר תרנ"ז האט ער מיטגעלעבט אינעם שטאט פרעמיסלא אזא פאל, מען האט געזאלט מאכן ברכת החמה מיט א ברכה אבער עס איז געווען פארוואלקנט און די זון איז נישט געווען קענטליך, נאך וואס דער ציבור האט געווארט היבש לאנג און עס האט זיך נאך אלץ נישט באוויזן האט מען באשלאסן צו מאכן די ברכה אבער אן שם ומלכות.

דער עולם האט געפאלגט און געמאכט אן שם ומלכות, איז אבער געווען דארט איינער וואס האט באשלאסן אז ער וועט יא מאכן מיט א ברכה, ער האט געמאכט מיט א ברכה און זיך נישט באגנוגנט מיטן פאקט אז ער ערלויבט זיך, נאר פראבירט אנצושטעקן אנדערע אויך מיט זיין שיטה, און אסאך זענען איבערגענומען געווארן פון אים און נאכגעגאנגען אין זיינע וועגן און אויך געמאכט א ברכה מיט שם ומלכות, און אזוי ארום האט א גרויס טייל פון פרעמיסלא יענעם ברכת החמה יא געזאגט מיטן שם ומלכות.

שרייבט דער שרייבער, אז ער האט אלעס צוגעזען און מיטגעהאלטן און ער געדענקט אז פארן שינאווער רב זצוק"ל האט דער אקט שטארק פארדראסן אויף אזוי ווייט אז דער הייליגער שינאווער רב האט מקפיד געווען אויף יענעם פארן טאן אזא זאך, און ער פירט אויס: "ור"ל עלתה לו", ד.ה. עס האט יענעם טייער געקאסט).

## הכנה למצוה

דער רבי איז געווען זייער מרוגש, און יענע גאנצע נאכט פון מוצאי יו"ט האט ער נישט פארמאכט קיין אויג[6] נאר ער האט זיך צוגעגרייט מיט אן הכנה דרבה צו די זעלטענע מצוה פון קידוש החמה. זייענדיג סמוך לבו בטוח בה' אז דער אייבערשטער וועט אוודאי העלפן אז מ'זאל קענען מקיים זיין די מצוה כהלכתה.

עטליכע מאל אינמיטן די נאכט איז דער רבי צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויפגעקוקט צום הימל צי עס איז נאך אזוי פארוואלקנט.[7]

## כולם באו ונקבצו

ויהי ממחרת, אסרו חג אינדערפרי איז זיך צונויפגעקומען א גרויסער עולם פון וויליאמסבורג און פון אנדערע געגענטער ווי דער עולם האט דעמאלטס געוואוינט, קראון הייטס, בארא פארק, איסט סייד, ועסט סייד, בראנזוויל, כדי מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם מעמד מיטן רבי'ן.

דער עולם האט געדאווענט מיטן 'נץ מנין',[8] און ארום האלב נאך זעקס איז שוין יעדער געווען פארזאמלט פארנט פונעם אלטן בית המדרש 'נעפ מענשאן', וואס איז געשטאנען אויף בעדפארד עוו. קאר. ראס סט.

[6] כידוע פלעגט זיך דער רבי נישט לייגן קיין איין נאכט ביז די פריע פארטאגס שטונדן, ווען ער האט געכאפט א דרימל פאר א קורצע צייט פון צוויי שעה, און דאס האט אים שוין געהאלטן וואך און פריש פון די קומענדיגע צוויי צוואנציג שעה.

[7] מפי הגה"צ ר' שמואל בראך שליט"א אב"ד נאנאש.

[8] דער מהרי"ל, חיד"א (מחזיק ברכה אות ד') חיי אדם (כלל ס"ג ה') ברענגען אלע אז די מצוה פון קידוש החמה איז תיכף אינדערפרי.

דער מג"א ברענגט פון משאת בנימין סי' ק"א אז דער מנהג איז אבער געווען אז מ'האט קודם געדאווענט שחרית, און ארויסגייענדיג פון ביהמ"ד נאכן דאווענען האט מען געמאכט די ברכה, וועגן ברוב עם הדרת מלך. עי' בשו"ת חתם סופר (או"ח סי' נ"ו ד"ה ואם יאוחר) דרך החיים (דיני ברכות אות ו'). אבער אויב איינער האט פארשפעטיגט און האט נאכנישט געדאווענט זאל ער זאגן ברכת התורה און זאגן דעם סדר פון קידוש החמה פארן דאווענען.

אין די וועלט איז אנגענומען אז מען פרובירט צו מאכן די ברכה פון ברכות החמה ווי פריער, און זעלבסטפארשטענדליך אז דער ערשטער מאמענט ווען מען קען מאכן די ברכה איז פונעם נץ החמה, ווייל פארן נץ זעט מען דאך אינגאנצן נישט די זון, און אויף א זאך וואס מען זעט נישט מאכט מען נישט קיין ברכה.

למעשה, אין די פוסקים געפונען מיר דריי צייטן ווען מען זאל בענטשן ברכת החמה, דער ערשטער צייט ווערט דערמאנט אין מגן אברהם [סק"ה] דאס איז זאפארט ביים נץ החמה, דער מגן אברהם ברענגט דער דין פונעם נץ אין נאמען פון דער מהרי"ל און אויך אז דער מהרי"ל האט ביי אים אין שול געהייסן אז דער שמש

דער עולם איז געשטאנען היבש נערוועז און אנגעצויגן, עס איז שוין דער זמן פון די ברכה, און דער הימל איז פארכמורעט און פארנעפלט, מ׳זעהט נישט גארנישט ארויס קיין שטראל פון די זון.

צי וועט מען טאקע נישט קענען מאכן די לאנג ערווארטעטע ברכה נאך אכט און צוואנציג יאר...

מ׳שטייט און מעןווארט אז די זון זאל אויפשיינען...[9]

אידן שטייען פארטראכט, פאר זייערע אויגן לויפן דורך זכרונות פונעם לעצטן קידוש החמה, ערב פסח תרפ״ה, אוי, ווי אנדערש איז דעמאלטס געווען... מ׳האט נאך געוואוינט אין די שטעט און שטעטלעך אין אייראפע, דעמאלטס האט נאך יעדער געוואוינט אינאיינעם מיט די עלטערן און געשוויסטער, אידן האבן זיך געלעבט מיט גליק און צופרידנהייט, מ׳איז געווען צופרידן מיט וואס מ׳האט. א שבת איז שטעטל... א יום טוב אין שטעטל... א חתונה אין שטעטל...

---

זאל א נאכט בעפאר אויסרופן אין שול אז מארגן צופרי זאל יעדער איינער גראד ביים נץ ווען ער זעט דעם זון מאכן די ברכה.

די צווייטע צייט איז דריי שעה פון ווען עס ווערט טאג. און דער דריטער צייט וואס פוסקים רעדן ארום איז צי מען קען מאכן דער ברכה ביז חצות היום. מהר״י אסאד (סי׳ ז׳) ברענגט אז מ׳קען מאכן די ברכה א גאנצן טאג.

אינעם ספר שלחן הטהור שרייבט דער קאמארנער אז אין די וועלט איז אנגענומען אז נאך חצות קען מען שוין נישט מאכן א ברכה, ער ברענגט צו אז זיכער איז ענדערש צו מאכן א ברכה ווי פריער און נענטער צו ווען דער זון שיינט אויף, אבער אזוי ווי ער האלט אז עס האט נישט קיין סאך צוטאן מיטן זען, ווייל מען זעט למעשה גארנישט ווען מען מאכט די ברכה.

למעשה פירן מיר זיך ווי דער חת״ס אז מ׳מאכט דאס נאכן דאווענען וועגן ברב עם הדרת מלך. אין ירושלים איז געווען דער מנהג אנגענומען פון מהרי״ל דיסקין (תרנ״ז, תרפ״ה) אז מ׳גייט ארויס נאך אשרי ובא לציון.

[9] אויף דעם ענין אז מ׳זאל שטיין און ווארטן אז דער זון זאל זיך באווייזן שרייבט דער פנים מאירות אין א תשובה (ח״ב סי׳ ל״ב) אז ער האט זיך געפירט אזוי למעשה: אינעם יאר תפ״ט איז געווען א געדיכטער וואלקן, מיר זענען געשטאנען און געווארט אבער די זון האט זיך נישט באוויזן און מיר האבן זיך אפגעהאלטן פון מאכן א ברכה, נאך א שטיק צייט האב איך געהייסן פארן ציבור זאל מאכן די ברכה אבער אן שם ומלכות. הגם, אין פרינציפ האלט איך אז מען קען יא מאכן די ברכה בשם ומלכות, אבער איך האב געבויט אויפן שיטת הראב״ד וואס שרייבט אויף די אלע סארט ברכות וואס ווערן אויסגערכענט אין פרק הרואה אז מען זאל זיי בענטשן אן שם ומלכות.

אבער אויפן פנים מאירות איז דא אסאך חולקים, הגאון ר׳ יהודה אסאד זצ״ל אין שו״ת מהרי״א (סי׳ ד׳) שרייבט אז מען דארף יא זען און אויב מען זעט נישט קלאר מוז מען ווארטן ביז ווען עס ווערט קלאר, און אויב ווערט עס נישט קלאר, זאל מען אמווייניגסטענס נאר מאכן די ברכה אויב מען זעט די זון, אויב אבער זעט מען אינגאנצן נישט זאל מען מען נישט מאכן די ברכה.

אוי, ווי ביטער איז יעצט... אינמיטן איז היטלער ימ"ש אנגעקומען, און אלעס חרוב געמאכט, יעדער איד וואס איז דארט געשטאנען איז געווען א צובראכענע נשמה, א חרס הנשבר, פליטי חרב, אליינס געבליבן פון א ברייטפארצווייגטע משפחה, אליין און עלנד ווי א שטיין איז מען געבליבן נאכדעם וואס מ'איז קוים מיטן לעבן ארויסגעקראכן פון די אוישוויצער לאגערן, און וויפיל יארן האט גענומען ביז ווען מ'איז ענדליך ארויסגעקומען פון די די. פי. לאגערן, און אנגעקומען על אדמת אמעריקע, די 'גאלדענע אמעריקע' די רייכע אמעריקע', וואס איז גאלד און רייך מיט אלעם אויסער מיט אביסעלע תורה און יראת שמים.




שטייט מען פארגאפט און מ'קוקט אויף דעם גרויסן ברוינעם געביידע, דער 'נייער' סאטמארער בית המדרש, וואס ביז א יאר צוריק איז זי נאך געווען א חתונה זאל 'נעפ מענשאן' וואו מ'פלעגט פראווען חתונות און מסיבות, און יעצט באצירט איר א פרישער טאוול "ישיבה תורה ויראה דסאטמאר", דער רעכטער טיר איז דער אריינגאנג צום בית המדרש, דער לינקער טיר איז דער אריינגאנג צום ווייבער-שוהל, און די טרעפ ארויף צו די ישיבה און די תלמוד תורה, וואס "גאנץ מלכות סאטמאר" האט זיך נאך דאן געפונען אין די געביידע וואס איז באשטאנען די גרויס פון צוויי וויליאמסבורגער הייזער.

די אידן טראכטן און האפן, יעדער זעהט אז דער רבי לייגט אריין גרויסע כוחות צו בויען אידישקייט אין אמעריקע, יעדער זעהט אז דער רבי האט א חלום אז אין אמעריקע קען ער נאך מצליח זיין אויפצושטעלן אידישקייט אזוי ווי אין דער אלטער היים, צי איז דאס טאקע מעגליך?! איז דאס דען א מציאות...

אט מאכט מען פלאץ, עס קומט אן דער סיגוטער רב, כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, אין באגלייטונג פון הרבני הנגיד מו"ה שלמה חיים הייזלער הי"ו, דער ציבור רוקט זיך אין די זייט מיט יראת הכבוד, און דער רבי גייט צו ביזן פלאץ וואס איז צוגעגרייט פארן פעטער רביה"ק זי"ע.[10]

פון צייט צו צייט כאפט מען זיך אויף פון די געדאנקען און מ'קוקט אויפן פארוואלקענטער הימל, ניין, מ'זעהט נישט קיין זונען שטראל... ניין, אמעריקע שיינט נישט, אמעריקע שטראלט נישט...

**דער רבי קומט...**

אט הערט מען א שושקעריי...

יעדער דרייט זיך אויס דעם קאפ אויף רעכטס צו די זייט פון קליימער סט. דער רבי קומט צו גיין אנגעטון מיטן הוט און די ווייסע זאקן, מיטן זילבערנעם שטעקן אין די הענט, מלך ביפיו תחזנה עינינו.

דער רבי אליין האט נאכנישט געהאט געדאוונט,[11] און ער איז געקומען צו גיין פון זיין הויז צום ביהמ"ד אין באגלייטונג פונעם משב"ק ר' יוסף אשכנזי ע"ה און

---

[10] עי' בספר ומשה היה רועה (ח"ד פרק מ"ב).

[11] כידוע פלעגט דער רבי הדבר"י זי"ע אלס דאווענען שפעט וויבאלד דאס צוגרייטן צום דאווענען האט ביי אים גענומען א לענגערע צייט, דעריבער איז ער געקומען צום מעמד נאך פארן דאווענען.

דער הויז בחור ר' וואלף בער לעבאוויטש ע"ה,[12] ווען מ'האט מיטגענומען דעם רבי'נס שטריימל באקס אין די הענט.[13]

דער רבי קומט אן אויפן פלאץ נעבן בית המדרש און ער וויל אראפגיין די טרעפ צו די מקוה זיך צו טובל'ן און מקדש ומטהר זיין פארן דאווענען.[14]

## האיר השמש שבמזרח

אין יענע רגע האבן זיך פלוצלונג די וואלקענעס צושפרייט, ויהי אור... עס איז געווארן ליכטיג...[15]

---

[12] אין יענע צייט איז געווען איינגעשטעלט א סדר ביים רבי'ן אז פון צווישן די בחורי הישיבה, וואס זענען דעמאלטס געווען ווייניגער ווי צוויי מנינים בחורים, האט יעדער בחור געהאט זיין באשטימטע טאג ווען ער האט משמש געווען אלס הויז בחור. ביז עטליכע יאר שפעטער איז נאך בכלל נישט געווען קיין סדר פון הויז בחורים קבועים וואס האבן משמש געווען.

[13] דער רבי האט באפוילן איידער מ'איז ארויס פון שטוב אז מ'זאל מיטנעמען דעם שטריימל באקס. מפי הגה"צ אב"ד נאנאש שליט"א.

די סיבה פארוואס דער רבי האט אנגעטון דעם שטריימל צו קידוש החמה איז נישט קלאר, ווי עס איז אנגענומען איז נישט געווען דער מנהג אנצוטון דעם שטריימל צו קידוש החמה, ווי עס דערציילט הרה"ח ר' חיים אלתר בראך שליט"א האט ער געפרעגט דעם משב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ני בשנת תרפ"ה האט דער רבי אויך אנגעטון דעם שטריימל, האט ער געזאגט אז ער געדענקט נישט.

עס זענען דא אידן וואס זאגן אז די סיבה איז געווען היות עס איז געווען מוצאי יו"ט אסרו חג, און דער רבי איז אויפגעווען א גאנצע נאכט, האט ער נישט געהאט אויסגעטון די בגדי שבת, און עס איז דא אן ענין צו גיין מיט שיינע קליידער ביי א מצוה האט ער נישט געוואלט אויסטון דעם שטריימל.

אבער אנדערע זקנים געדענקען קלאר אז דער רבי איז געקומען צו גיין מיטן הוט, און הערשט פאר די ברכה האט ער אנגעטון דעם שטריימל.

בשנת תשמ"א האט כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע נישט אנגעטון בגדי שבת, אזוי אויך האט כ"ק מרן רבינו שליט"א געזאגט לגבי היי יאר אז מ'טוט נישט אן בגדי שבת צום מעמד.

[14] ווי עס דערציילט הגה"צ מנאנאש שליט"א האט שוין דער רבי געזאגט אינדערהיים "ווען נאך זיין צייט וועל איך גיין בעפאר אין מקוה, אז נישט וועלן מיר גלייך מאכן די ברכה".

[15] אין א אלטע באשרייבונג פון די שטאט קעלן איז געשילדערט געווארן אזא מעמד ווי אזוי מ'האט געווארט א לאנגע צייט אויף די זון איחן א שווערן וועטער, און אין די לעצטע מינוט איז די זון ארויסגעקומען, מיר ציטירן טיילן פון די באשרייבונג: "די פענסטערס פון הימל האבן זיך געעפנט און עס איז געווארן שניי, אזא ווינטער איז שוין יארן נישט געווען, די טויערן זענען פארשלאסן אין יוצא ואין בא, אלע טייכן פונעם גאנצן אומגעגנט זענען פארפרירן, אזוי איז דער צושטאנד און אזוי האט עס אנגעהאלטן ביז אינמיטן חודש אייר".

"היי יאר" זעצט דער שרייבער פאר מיט זיין שילדערונג "איז אויך א יאר וואס מען האט אפגעראכטן ביי אונז דעם היסטארישן מעמד פון ברכת החמה. אינעם טאג וואס עס האט געזאלט פארקומען איז געווען עקסטער פארוואלקנט, מיר זענען ארויס פון שול מיטן ציל צו גיין מאכן ברכת החמה, אבער אונזערע הערצער

עס האט זיך באוויזן א שוואכער שיין פון די זון וואס האט אנגעהויבן ארויסצוקריכן פון אונטער די וואלקענעס. דער הימל איז געווארן ליכטיג, די הערצער זענען געווארן ליכטיג, יא, עס שיינט אין אמעריקע, אז דער הייליגער רבי איז מיט אונז ווערט ליכטיג...

---

האבן געצאפלט ווייל דער אומשטאנד האט נישט געזאגט אז מיר וועלן טאקע קענען מאכן די ברכה, אזוי פארוואלקנט איז געווען. די גוים פון שטאט וואס האבן אונז געזען ארויסגיין האבן געלאכט פון אונז, זיי האבן אפגעשפעט און געפרעגט "וואו אהין גייט איר, אייך זעען נישט אז עס איז פארוואלקנט?" אבער מיר אידן האבן זיך נישט וויסנדיג געמאכט, מיר זענען ארויס און ווייטער געגאנגען אונזער וועג מיטן האפענונג אז עפעס וועט שוין זיין.

און עס איז טאקע געווען. מיטן הילף פון אויבן האט פאסירט א נס, דער רגע וואס אלע האבן ארויסשפאצירט אינדרויסן פונעם שול האט זיך די זון אומערווארטעט באוויזן, אן אויסערגעווענליכע התלהבות האט באנומען יעדן איינעם צוזעענדיג וואס האט דא פאסירט, מיר האבן געלויבט און געדאנקט דעם באשעפער פארן געבן די געלעגנהייט צו מקיים זיין די זעלטענע מצוה. גלייך נאכן פארענדיגן די ברכה האט זיך די זון נאכאמאל פארשטעקט אין די וואלקענעס, צומארגנס [כ"ז ניסן] איז ווידער געפאלן שניי, עס איז געפאלן אסאך שניי, די פריערדיגע שניי האט זיך געדאפלט מיטן הויך פון נאנט צו צוויי אמות, אזא לאנגער ווינטער איז שוין לאנג נישט געווען, אלטע אידן פונעם שטאט האבן נישט געדענקט אזא ווינטער, אבער מיט דעם אלעם, מיטן ווינטער האבן מיר געהאט די זכיה צו בענטשן דעם היסטארישן ברכת החמה.

אינעם ספר פעמי יעקב פון ר' וואלף טעבין, ווערט געשילדערט די לאגע אין פרעשבורג. "אין פרעשבורג האט געהערשט אן אנגעצויגנקייט, טעג בעפאר דעם ברכת החמה איז געווען פארלייגט און פארוואלקנט, מען האט נישט געזען די זון, ער איז געווען באהאלטן. דער רב פון שטאט ר' מאיר ברבי האט געזאגט פון פאראויס אז אויב זעט מען נישט, מאכט מען נישט קיין ברכה! דער עולם איז געווען נערוועז, אזוי לאנג ווארט מען און ענדע גייט מען ארויס מיט גארנישט. אבער דאס אומגלויבליכע האט פאסירט, צופרי איז דער עולם ארויס מאסנווייז מיט געמישטע געפילן א טייל האבן געציטערט אז מען וועט צוריק אהיימגיין מיט ליידיגע הענט, אבער אסאך זענען געווען אפסמיסטיש אז עפעס א נס וועט געשען און דער נס איז געשען.

ווי נאר מען האט ארויסגעטרעטן אינדרויסן האט זיך די זון באוויזן, ער האט געשטראלט, מיט זיין פולן גלאנץ, דער עולם האט אפגעאטעמט און זיך געפריידט אז ענדע נאכן אנגעצויגנקייט האט מען זוכה געווען און אהיימגעגאנגען מיט פולע הענט, געמאכט די ברכה אויף א לכתחילה'דיגע זון און אזוי ארום מקיים געווען דעם זעלטענעם היסטארישן מצוה.

אן ענליכע מעשה אויפן זעלבן סטייל דערציילט אויף זיך דער הייליגער קאמארנער רבי אין זיין ספר שלחן הטהור. "עס איז געווען אינעם יאר תר"א דער גאנצער ציבור האט זיך איינגעזאמלט פארנט פונעם בית המדרש גרייט צו מאכן די ברכה, אבער עס איז געווען א פארוואלקנטע טאג, די זון איז נישט געווען צו באקומען, דער עולם האט זיך נישט מייאש געווען, מען האט זיך געשטעלטווארטן, מען האט געווארט און געווארט א שעה און נאך א שעה ביז חצות.

"איך אבער, האב נישט געווארט און געמאכט א ברכה אויפן ארט, און איך האב זוכה געווען אז אין די מינוט וואס איך האב געמאכט די ברכה האט זיך די זון באוויזן, ער פירט אויס מיט האפענונג אז ער וועט דערלעבן דעם קומענדיגן ברכות החמה, ער פארענדיגט זיינע הייליגע ווערטער מיט א רמז אז אויב איך וועל דערלעבן וועל איך זינגען "בשיר ובקול תודה וזמרה בנבל וכנור סב"א.

לויט ווי די מגיהים צייכענען צו האט דער הייליגער קאמארנער געמיינט מיטן ווארט סב"א דער נומער 63 ווייל סבא באטרעפט 63 און ער האט געזאלט אלט זיין ווען ער וואלט ווען דערלעבט יענעם קידוש החמה 63 יאר, דעריבער האט ער געשריבן וסב"א. למעשה האט ער עס דערלעבט און געלעבט נאכן קידוש החמה נאך פינף יאר און איז נסתלק געווארן אינעם עלטער פון 68 יאר, וואס עס איז געפאלן אינעם יאר תרל"ד.

דער רבי האט זיך תיכף אויסגעדרייט, ער איז נישט אראפגעגאנגען אין מקוה, דער משב"ק האט אים איבערגעגעבן דעם שטריימל און ער האט דאס אנגעטון, מ'האט תיכף געעפענט דעם ספר "שדי חמד" אויפגעמישט צו חלק ב' מערכת ברכות אות ח', וואו עס איז געדרוקט דער נוסח, און דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן דעם נוסח מיט גרויס התלהבות שטייענדיג אויף די פיס.

ווי פארשטענדליך האט דעם ציבור באנומען א גרויסע התלהבות זעהנדיג ווי די זון האט אויפגעשיינט בזכותו של אותו צדיק, און מיט א געוואלדיגע התרוממות האט מען געזאגט דעם נוסח.[16]

[16] עס איז מערקווירדיג אז אויך ביי קידוש לבנה האט מען געזעהן עטליכע מאל ווי אזוי דער רבי האט 'געברענגט די לבנה' אז מ'זאל קענען מקיים זיין די גרויסע מצוה.

מיר וועלן מעתיק זיין פון ספר "מבצר תורה ויראה" (ח"ב) איין אזא עפיזאד: עס גערעדנקען די בחורים וואס יענעם זומער תשל"ד האט פאסירט אז אין חודש תמוז האט זיך די לבנה נישט באוויזן במשך די אלע טעג וואס מען האט געקענט מחדש זיין די לבנה, עס האט במשך די גאנצע וואך נישט אויפגעהערט צו רעגענען, טאג נאך טאג זענען די בחורים געשטאנען און אפגעווארט די לבנה במשך די נאכט, און אט האט זיך אנגערוקט די לעצטע נאכט וואס מען האט געקענט מחדש זיין די לבנה און די לבנה איז נישטא.

אין די שטאט דאקעגן איז געווען א שיינע לבנה, אזוי אז דער אלגעמיינער ציבור האט נישט געהאט קיין פראבלעם מיט קידוש לבנה, אבער פאר די בחורים אין קעמפ איז דער פראבלעם געווען א גרויסע. איינער פון די בחורים האט געטוהן הלכה למעשה, ער האט אנגערופן קיין בעלל הארבער און ער האט מזכיר געווען ביים רבי'ן אז די בחורים אין קעמפ האבן נישט קיין לבנה. דער רבי האט זיך געהייסן געבן דעם ספר הק' ייטב לב פרשת האזינו און ער האט אויפגעמישט דארט וואו עס ווערט דערמאנט באריכות ווי עס איז געווען אזא מעשה ביים ייטב לב און ווי אזוי ער האט ארויסגעברענגט די לבנה, און דער רבי האט דאס געלערנט פון אינעווייניג.

דער ייטב לב שרייבט בתוך הדברים: "בשבת יום י"ג בחודש תשרי תרכ"ח שהי' אז גשמים מרובים מקודם יוהכ"פ והלאה ולא קדשנו הלבנה וגם מורא עלה על ראשינו לבל יעצרנו הגשם ממצות סוכה כתיקונו, עניתי ואמרתי דרך תפלה ובקשה שיעזרני ה' לקיים מצוה החובה עלינו כהוגן...

... והנה גם אח"כ באותו הלילה ירדו גשמים וביום נתפזרו העבים ויעשו בנ"י סוכות, והי' לעת ערב בכניסת ליל יו"ט שוב נתקשרו העבים, וירדו גשמים מרובים בשטף מים ולא קם רוח בנו ואנחנו לא נדע מה נעשה כי אם אל ה' עינינו הי' נשואות ויעתר לנו ויקשב לקול שעותינו, ואחר שעה פסקו הגשמים ואח"כ נראה הרקיע בטהרתו וקדשנו הלבנה ברבים ביו"ט ליל ט"ו מהמולד בברכה, וסמכנו על הב"ח הביאו המג"א סי' תכ"ו ועל תשו' מוזללה"ה בס' השיב משה שהעלה לסמוך על הכנה"ג ולברך בליל י"ד עי"ש סי' י"ד, וכבר בימי ילדותי עשיתי כך מעשה לפניו לפי דבריו, ואם כך בשאר חדשים כ"ש בחודש תשרי ראשית השנה שאין לך צער גדול מזה בהעדר מצות קידוש לבנה כראוי שיש לברך וסימנא טבא הוא לכולא שתא, וכל אשר שמע הוראתו של מוזללה"ה עמד ובירך, ואח"כ שוב לא ירדו גשמים כל ימי החג ות"ל ישבנו בסוכה במנוחה והשקט עד הנה עזרוני ה' ואל יטשנו לנצח תבענה שפתינו תהלה לנורא עלילה. עכל"ק.

עס האט נישט געדויערט קיין האלבע שעה, און מען האט פון קעמפ גערופן מיט די פרייליכע בשורה אז די לבנה איז ערשינען אין איר פולן פראכט און די בחורים זענען מחדש די לבנה מיט גרויס פרייד (ווי באקאנט האט פאסירט א ענליכע מעשה סוכות תשל"ח אין וויליאמסבורג ווען דער רבי האט ארויסגעברענגט די לבנה אין די לעצטע נאכט וואס מען האט געקענט מחדש זיין די לבנה).

דער רבי האט געזאגט קודם דעם קאפיטל ויהי נועם, דאס שטיקל תיקוני זוהר פתח אליהו, קם ר' שמעון, די פסוקים פון תורה נביאים וכתובים.

פלוצלונג האט די זון אויפגעשיינט מיט א מעכטיגן שטארקן שיין, מ'האט אנגעהויבן צו זאגן לשם יחוד, דער רבי האט געזאגט די פסוקים פון הוי"ה, דאס קאפיטל הללו את ה' מן השמים ביז 'חק נתן ולא יעבור', און דאן האט ער מיט א קול חוצב להבות אש אויסגעשריגן "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם עושה מעשה בראשית"...[17]

[17] די ספרים רעדן ארום איבער דעם שבח פון די זון אויף וואס מ'מאכט די ברכה, אז דער לויב פון ברכת החמה איז ענליך צו אלע פעלער אויף ווען חכמים האבן מתקן געווען צו מאכן דעם לויב פון "ברוך עושה מעשה בראשית". ווען מען בליקט דורך די גמרא אין מס' ברכות פרק הרואה (דף נ"ט) אויף וואס די חכמים האבן באפוילן צו מאכן די ברכה, איז קענטליך אז דער ציהל פונעם ברכה איז הויפטזעכליך באזירט אויף פעלער ווען מען זעט וואונדערליכע נפלאות הבורא וואס דער באשעפער האט באשאפן ווי צום ביישפיל: ווען מ'זעהט דעם דער ים הגדול, וואס די חכמים האבן געהייסן מאכן א ברכה, ווייל עס איז א זאך וואס באגייסטערט דאס מענטשהייט און אויף אזא זאך בענטש מען דעם באשאפער מיטן עושה מעשה בראשית. א צווייטער ביישפיל איז אויף די הויכע בערג, וואס חכמים האבן געהייסן מאכן אויב איינער זעט דעם שפיץ, אדער אויף בליצן און דונערן וואס אויפן וואונדער דערויף לויבט מען, אויף אזא ליניע איז דער סיסטעם אויף וואס מען האט מתקן געווען צו מאכן די ברכה עושה מעשה בראשית.

אזוי אויך, ביי ברכת החמה. דער כראנאלאגישער פונקטליכער סדר וואס דער באשעפער האט אויסגעשטעלט די מערכת השמים אזוי עס שטימט אזוי פונקטליך דאס איז א מייסטערהאפטער ארבעט וואס אויף דעם לויבט מען "עושה מעשה בראשית". דעם גענויעם סיסטעם וואס לויפט אזוי שיין זינט יענעם מיטוואך ווען דער באשעפער האט צום ערשטן מאל אויפגעהאנגען די זון פאר נאנט צו זעקס טויזנט יאר צוריק און עס לויפט נאך אזוי ווייטער אן קיין פארשפעטונג, פונקטליך און אויסגערעכנט דאס באצויבערט א מענטש און דעריבער מאכט מען דערויף דאס ברכה.

אנדערע מפרשים שרייבן ארויס דעם געדאנק פון ברכת החמה אויף אן אנדערע שטייגער, זיי באציהען זיך דערצו אז דער גרויסקייט און טיפקייט פונעם מעמד איז אז דערביי איינציגט מען דעם באשעפער מיט זיין גרויסקייט און מען זאגט עדות אז ער האט באשאפן די וועלט און די מאורות הרקיע, ענליך צו וואס מיר טון ביי קידוש יעדן פרייטאג צונאכט'ס ווען אונז שרייען אויס הויך אז דער איינציגסטער באשעפער, ער האט געמאכט די הימל און די ערד, און ער פירט אלעס ביזן היינטיגן טאג.

זיי צייכענען אן דער פאקט אז אין צוזאמהאנג צום עצם געדאנק קומט נאך צו דער פאקט אז גוים האבן יארן געדינט צום זון און געמאכט דער זון פאר זייער אפגאט, דעריבער איז דער מעמד וואו מען איינציגט דעם באשעפער אז ער איז דער באשאפער מער באדייטענט ווייל עס איז זיך אויסצושליסן פונעם גוי מיט זיין גלויבונג.

די אלע ערקלערונגען מאכן עטוואס ליכטיג די אויגן פארוואס איז די מעמדים פון בענטשן און לויבן אויף די מאורות השמים אזוי גרויס און וואס עס ערוועקט, וואס ביים לבנה שטייט קלאר ארויס אז עס איז א מעמד קבלת פני השכינה, ווייל עס ליגט דערין זייער באדייטענפולע פונקטן וואס רירן אן דעם יסוד האמונה פון כלל ישראל אז דער איינציגסטער באשעפער ער האט באשאפן די וועלט און ער פירט דאס מיט א גענויען סיסטעם שוין טויזנטער יארן.

דערנאך האט מען ממשיך געווען מיט די קאפיטלעך אנא בכח, למנצח בנגינות, השמים מספרים, שיר למעלות, דער נוסח הגמרא אין מס' ברכות (דף נ"ט ע"ב) און די ברייתא פון פרק שירה "השמש אומר".

דאן האט מען געזינגען "קל אדון" מיטן ניגון פון 'טובים מאורות', דער רבי האט ארויפגעלייגט די הענט און זיך אנגעלאנט אויף צוויי רבנים און איז אזוי געטאנצן מיט גרויס התרוממות. און מ'האט געזאגט עלינו ועל כן נקוה, די משנה פון רבי חנני' בן עקשיא, קדיש דרבנן, און דער ספעציעלער נוסח פון "מודים".

## שמחה של מצוה

דער ציבור האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודין און מ'איז אזוי אריינגעגאנגען אין בית המדרש טאנצענדיג מיט גרויס שמחה, דער רבי האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ און געקלאטשט מיט די הענט מיט גרויס התרגשות, און ארום א האלבע שעה איז דער עולם ארומגעטאנצן אין בית המדרש, מ'האט זיך געפריידט מיט די שמחה של מצוה אזוי ווי יום טוב.[18]

## לאמיתה של תורה

דערנאך האט דער רבי זיך אוועק געזעצטביים טיש און אנגעהויבן צו זאגן דברי תורה, אנהויבענדיג מיט א קשיא פונעם חתם סופר אין דעם ענין, און ער האט מרחיב הדיבור געווען איבער די תקופת פון רב אדא און שמואל, אויפווייזנדיג אזביידע שיטות זענען אויסגעהאלטן, און ער האט דערמיט מסביר געווען פארשידענע מאמרי חז"ל.

ווען דער רבי האט אויסגעפירט זיינע ווערטער האט ער געזאגט "לדעתי זענען די ווערטער נישט בדרך חידוד, נאר דאס איז דער פשט לאמיתה של תורה".

---

[18] אין די הקדמה צום ספה"ק אמרי יוסף שרייבט דער ספינקער רבי החקל יצחק זצ"ל אז אין יאר תרנ"ז אין חודש ניסן האט ער מיטגעלעבט א ברכת החמה ביי זיין פאטער:" אויב איך געדענק גוט איז מיין טאטע געגאנגען מיט א שטריימל, אבער אפילו אזוי געדענק איך אז ער איז געווען גוט אויפגעלייגט. ער האט מיר פארציילט אז ער האט געהאט א נאכט בעפאר'ן ברכת החמה א חלום, ווי ער האט געזען א מענטש אנגעטאן מיט שיינע קליידער האט געעפנט זיין טיר , אים אנטקעגן געקומען און געוואונטשן "גוט יום טוב". ווען איך האב אים געפרעגט וואס דער יום טוב איז? האט ער געענטפערט אז יא, מארגן איז א יום טוב ווייל מ'גייט בענטשן ברכת החמה און עס האט זיך מיר געדאכט ווי דער מענטש איז געווען אנגעטאן מיט קעניגליכע קליידער, ער האט אויסגעזען ווי איינער פון די מלכי ישראל.

נאכדעם וואס דער רבי האט גענדיגט זאגן די דברי תורה האט ער געשמועסט מיט די דערבייאיגע רבנים, בתוה"ד האט ער דערציילט אז איינמאל איז דער הייליגער דברי חיים אריינגעקומען זייער שפעט צו נעילה, ווען אינדערויסן האט מען שוין פארקויפט עסן, האט זיך איינער אנגערופן "ס'שטייט דאך יבא השמש ויעריב, נעילה דארף מען זאגן בשעת ווען עס איז נאך יבא השמש, ווען די זון האלט ביים אונטערגיין?", האט זיך דער הייליגער דברי חיים פארטראכט מיט די הענט אויפן שטערן (דער רבי האט נאכגעמאכט די תנועה און דער ניגון ווי אזוי דער צאנזער רב האט געזאגט די ווערטער בלשון קדשו) "השמש האט אסאך טייטשן, דער פראסטער פשוט'ער פשט איז דער צדיק, מילא איז שוין אויס קשיא". מיינענדיג צו זאגן אז דער טאג גייט הערשט אוועק, ווען עס איז השמ"ש יבא ויפנה ווען דער צדיק וואס ווערט אנגערופן שמ"ש גייט אוועק, און ווען דער צדיק ענדיגט דאווענען דעמאלטס גייט דער טאג אוועק.[19]

די רבנים וואס זענען דערביי געווען האבן געוואונטשן דעם רבי'ן אז מ'זאל זוכה זיין אויך ביים קומענדיגן קידוש החמה צו דערלעבן, און דער רבי האט צוריק געוואונטשן אז מ'זאל דערלעבן משיח צדקינו".[20]

---

[19] מפי הגה"צ רבי שמואל בראך שליט"א אב"ד נאנאש.

[20] אין קובץ בית וועד לחכמים (קובץ ב', ניסן תשס"ט) ווערט געברענגט אז איינער פון די רבנים האט געוואונטשן פארן רבי'ן "דער רבי זאל דערלעבן דעם קומענדיגן קידוש החמה", האט אים דער רבי געענטפערט "מ'וואונטשט אז מ'זאל דערלעבן משיח'ן".

אינעם ספר יזרח אור (פרק ט"ו) ווערט געשילדערט דער מעמד קידוש החמה ביים לעמבערגער רב ר' יוסף שאול הלוי נאטנזאהן דער גרויסער גאון בעל שו"ת שואל ומשיב, און צווישן די ווערטער פארציילט ער אז דער לעמבערגער רב האט געהאלטן א דרשה פארן מעמד, און ביים שלוס פונעם מעמד איז דער עולם אריבער זיך וואונטשן און איינער האט געוואונטשן דעם צווייטן אז מען זאל דערלעבן געזונטערהייט דעם קומענדיגן ברכת החמה. (דער ברכת החמה ביים לעמבערגער רב איז פארגעקומען בשנת תרכ"ט).

ביי אנדערע גדולי ישראל טרעפט מען דעם באגריף אז מען האט אויסגענוצט אט דעם מעמד זיך אויסצובעטן אז דער באשעפער זאל געבן און מען זאל דערלעבן דאס קומענדיגע ברכת החמה. אינעם ספר נחלת יוסף דערציילט דער שרייבער איבער ווי אזוי דער מעמד איז צוגעגאנגען יענעם יאר: עס איז געווען דער יאר תרנ"ז ה' לחודש ניסן איך האב געמאכט די ברכה פון חידוש החמה, דער קומענדיגער יאר וואס עס וועט זיין חידוש החמה איז אינעם יאר תרפ"ה, און בשעת דער איצטיגער מעמד פונעם יאר תרנ"ז האב איך ביי מיר אין הארץ געמאכט א נדר אז אויב דער באשעפער וועט מיר געבן און איך וועל דערלעבן א צווייטע מאל צו אפרעכטן מעמד חידוש החמה וועל איך מאכן א סעודה פאר די תלמודי חכמים און געבן נר למאור און פארטיילן צדקה פאר ארעמעלייט".

פון דעם זעט מען אז ווען מען דערלעבט איין ברכת החמה איז א צייט צו בעטן און זיך אונטערצונעמען גוטע אונטערנעמונגען צום קומענדיגן ברכת החמה און בעטן אז מען זאל עס דערלעבן געזונטערהייט.

# מעמד קידוש החמה
## תשמ"א

מיטוואך פרשת טהרה, ד' ניסן תשמ"א לפ"ק.

דער געהויבענער מעמד קידוש החמה בצל קדשו פון כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע.[21]

אידן שטייען אויף פרי פארטאגס, טאטעס מיט קליינע קינדער ביי די האנט לויפן איבער די וויליאמסבורגער גאסן, מ'יאגט זיך צו גיין אין מקוה אריין, און צו דאווענען ביים 'נץ'.[22]

אין בית המדרש איז געשטאנען הרה"ח ר' יעקב בער גליקמאן סת"ם ע"ה און ער האט פארקויפט קונטרסים מיטן נוסח פון קידוש החמה.

אט גייט אריבער הרבני החסיד הישיש ר' יוסף יושע גראס ע"ה, מתלמידי רביה"ק בעל דבר"י זי"ע פון קראלי, און ער קויפט א קונטרס, נאכן מעמד קידוש החמה האט ער אים דאס צוריק געברענגט און זיך געווערטלט מיט אים זאגנדיג "אז ביים קומענדיגן קידוש החמה וועל איך עס אפנעמען פון אייך"...[23]

[21] דער רבי הברך משה זי"ע איז געבוירן געווארן כ"ג חשון תרע"ה לפ"ק, דער ערשטער קידוש החמה ערב פסח בשנת תרפ"ה האט ער בייגעוואוינט אלס צען יעריג קינד אין סיגעט ביים טאטן דער עצי חיים זי"ע. די צווייטע אסרו חג פסח תשי"ג לפ"ק אין וויליאמסבורג בצ"ק פונעם פעטער רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע. די דריטע ד' ניסן תשמ"א אין וויליאמסבורג. דער רבי איז נסתלק געווארן כ"ו ניסן תשס"ו, דריי יאר פארן פערטן קידוש החמה ערב פסח תשס"ט לפ"ק.

[22] ווי פארשטענדליך אז אזא גרויסער ציבור איז געקומען אויפאיינמאל אזוי פרי אין מקוה, איז נישט געווען צוגערישט פאר אזא גרויסע ציבור, און עס איז נישט געווען גרייט געגוג האנטוכער, אויף די פראגע "פארוואס עס איז נישט צוגעשטעלט געווארן גענוג האנטוכער?" האבן זיך אידן געווערטעלט "עס איז נישט געפערליך אז איין מאל אין 28 יאר איז נישט דא גענוג האנטוכער"...

[23] ר' יוסף יושע ע"ה האט זוכה געווען צו א שיבה טובה, און במשך די לעצטע יארן איז ער געווען מפארי זקני אנשי שלומינו, אבער ער האט נישט דערלעבט דעם מעמד קידוש החמה, ווען ער איז נפטר געווארן פארגאנגענעם חודש טבת העעל"ט.

מ'ענדיגט דאווענען שחרית, און מ'לאזט זיך ארויס אויפן גאס, טויזענטער אידן, יונג און אלט, פון איבעראל קומען זיך צונויף באותו מקום ובאותו מעמד אויף בעדפארד עוו. ביי ראס סט. צום גרויסארטיגן מעמד קידוש החמה.

ווידער שטייט מען אויף דעם זעלבן פלאץ ווי מ'איז געשטאנען דאס לעצטע מאל, אבער אסאך זאכן האט זיך געטוישט במשך די לעצטע אכט און צוואנציג יאר, זינט קידוש החמה תשי"ג...

פון די אלע אידן מיט געדיכט שווארצע בערד וואס זענען דא געשטאנען ביים פריערדיגן מעמד, זענען איצט געקומען אלס זקנים מיט שניי ווייסע בערד, טייל פון זיי מיט שטעקענעס...

פון די קליינע הייפעלע אידן וואס זענען דאן אנגעקומען קיין אמעריקע, און האבן זיך געקלאמערט לאורו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און געהאפט און געצווייפלט צי פון אמעריקע וועט נאך עפעס ווערן, צי דא וועט מען נאך קענען אויפשטעלן אידישע דורות, איז ארויסגעוואקסן א מעכטיגער לגיון של מלך פון טויזענטער טויזענטער אידן יראים ושלמים. די 'תשי"ג אידעלעך' האבן אויפגעשטעלט בתים נאמנים לה' ולתורתו, קינדער און אייניקלעך וואס "וואוינען אין אמעריקע אבער זענען נישט קיין אמעריקאנער",[24] פירן הייליגע צניעות'דיגע שטובער, גייען מיטן אמאליגן פרומען לבוש, לערנען, דאווענען, און דינען דעם באשעפער, און האבן נישט קיין שייכות מיט די ציונים און זייערע נאכשלעפער.

דער 'אלטער בית המדרש' נעפ מענשאן איז שוין אויך נישטא... דער ביהמ"ד איז מיט עטליכע יאר צוריק אראפגעווארפן דורך די שטאט באאמטע, וויבאלד זי איז געווען אין א סכנה צוזאמען צופאלן, און אויף איר ארט איז אויפגעבויעט געווארן א הערליכע גרויסע דירה פאר כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע, וועלכער וועט זיך ארייינציעהן אין די דירה די קומענדיגע וואך לכבוד פסח.

טאקע דער 'אלטער בית המדרש' איז דעמאלטס געווען א 'כל בו', "גאנץ סאטמאר" האט זיך דארט געפונען, דער ביהמ"ד, די ישיבה, די תלמוד תורה, אלעס האט געהאט פלאץ אין די איינע געביידע. היינט צוטאגס זענען דא

---

[24] מרגלי' בפומי' פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

צענדליגער בנינים וואס פארנעמען סקווער בלאקס איבער מערערע צענטערן אין אמעריקע, אייראפע און ארץ ישראל, און איבעראל איז דאס פלאץ ענג בליעה"ר...

ועל כולם... איבער אלעם זעהט זיך אן דער גרויסער חסרון ווען רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע איז אויך נישטא... הערשט מיט אנדערטהאלבן יאר צוריק האט ער פארלאזט די וועלט, פארלאזט די עדה הקדושה, און איבערגעלאזט נאך זיך דעם רועה נאמן, בן אחיו וממלא מקומו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע...

אלעס ארום איז שווארץ, די גאסן פון קיעפ סט. ביז ווילסאן סט. איז פול געדיכט, עס שטייען טויזענטער אידן און ווארטן אויף די מינוט ווען דער רבי וועט ערשיינען אויפן הויכן טרעילאר וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אויף ווילסאן סט. נעבן די הויכע פראדזשעקס, פון וואו מ'זעהט גוט דעם זריחת החמה.

די גאנצע גאס איז דעמאלטס געווען ליידיג, אלע הייזער וואס איז דארט געשטאנען בעפאר זענען אראפגעווארפן געווארן, און דארט איז געברענגט געווארן א גרויסער טרעילאר וואס האט געדינט אלס פלאטפארמע פאר די חשוב'ע רבנים.


טויזנטער וועלן זיך באטייליגן אין דעם מעמד ברכת החמה פון קהל יטב לב דסאטמאר

ברוקלין. גרויסע הכנות ווערן געמאכט דורך חרדישע אידן איבער דער גארער וועלט צו דער זעלטענער מצוה פון „ברכת החמה", וואס קומט פאר איינמאל אין 28 יאר.

ווי באוואוסט וועט קידוש החמה פארקומען אין צוויי וואכן ארום. מיטוואך, ד' לחודש ניסן.

ביי א זיצונג וואס עס האבן די וואך אפגעהאלטן די פני און ראשי הקהילה פון קהל יטב לב דסאטמאר איז באשלאסן געווארן אפצוהאלטן דעם מעמד ברכת החמה ברוב עם הדרת מלך. פונקט ווי דאס איז געווען מיט 28 יאר צוריק.

עס איז באשלאסן געווארן אפצוהאלטן דעם מעמד אויף בעדפארד עוועניו, צווישן הופער און ווילסאן סטריטס, אין וויליאמסבורג, וואו עס וועלן זיך אי"ה צוזאמענקומען אלפים ורבבות אידן בראשות כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א.

(פארזעצונג אויף זייט 25)

(פארזעצונג פון זייט 2)

עס וועלן זיך אין דעם מעמד באטייליקן אלע סאטמארער חסידים פון וויליאמסבורג, בארא פארק און אנדערע געגנטן אין ניו יארק.

די ברכה וועט געמאכט ווערן בהשכמה נאכן דאווענען שחרית ותיקין, ארום זעקס אזייגער פארטאגס.

בעדפארד עוועניו וועט זיין אפגעשפארט פאר אויטא-פארקער. אויף בעדפארד עוועניו. ביי ראס סטריט וועט אויפגעשטעלט ווערן א גרויסע פלאטפארמע פאר הונדערטער רבנים, ראשי ישיבה און מורי הוראה. א ספעציעל ארט וועט זיין רעזערווירט פאר פרויען אויף דעם ליידיקן בלאק אויף ראס סטריט, צווישן בעדפארד און ווייט, דארט וואו עס איז אמאל געשטאנען דאס אלטע סאטמארער בית המדרש.

עס וועלן געזאגט ווערן ספעציעלע תפילות, פיוטים און מזמורים, ווי אויך שירים ותשבחות, טענץ און געזאנג לשמחה של מצוה.

כאטש אין די מודעות וואס זענען פארעפענטליכט געווארן בעפאר דעם מעמד איז געמאלדן געווארן אז די גאס אויף ראס סט. צווישן בעדפארד עוו. און ווייט עוו. וועט זיין באשטימט פאר פרויען, איז דאס אבער צוריק געצויגן

געווארן אויפן רבי'נס באפעל, און למעשה האבן זיך די פרויען אפעציעל נישט באטייליגט ביים מעמד.[25]

אויך אידן פון בארא פארק זענען געקומען צו פארן, אפילו פון קרית יואל, דאס קליין שטעטלע וואס ציילט שוין איבער דריי הונדערט משפחות, זענען געווען אידן וואס האבן געשפירט אז עס איז כדאי ארייצופארן אין שטאט און מיטהאלטן דעם מעמד ברוב עם הדרת מלך.

פון אלע זייטן זעהט מען אן חשוב'ע רבנים און דיינים, מורי הוראה און ראשי ישיבות, וואס קומען אנטייל נעמען אין דעם מעמד, צווישן די זעהט זיך אויך אן כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

אט זעהט זיך אן די הייליגע שטראלענדע צורה פונעם רבי'ן וועלכער קומט אן צום מעמד מביתו נאוה קודש אין בארא פארק, דער פלאטפארמע איז פול געפאקט אז מ'מוז מאכן פלאץ אז דער רבי זאל צוקומען צום צענטער.

---

[25] עס איז א גרויסער מדובר אין די פוסקים צי נשים זענען בכלל מחויב מיט די ברכה פון קידוש החמה. עי' בשו"ת חת"ס (סי' נ"ו) וואס וואונדערט זיך פארוואס נשים מאכן נישט די ברכה, אבער ער פירט אויס אז "מה דנהיג נהיג ומה דלא נהיג הבו דלא לוסיף עלה". אין כתב סופר (סי' ל"ד) און מהר"ם שיק (סי' צ') זאגן שוין פארשידענע טעמים פארוואס נשים מאכן נישט די ברכה. אזוי אויך אין ייטב לב (פר' בא) ברענגט ער א טעם דערויף עפ"י קבלה.

אנדערע פוסקים האלטן אז נשים זענען יא מחוב מיט די ברכה, צווישן די הגאון רבי שלמה קלוגער ז"ל (הגה' חכמת שלמה סי' תכ"ו) מהרי"ל דיסקין (קו"א סי' כ"ו) און נאך אנדערע פוסקים. דער בן איש חי זאגט גאר אז וויבאלד עס איז א ספק זאלן די פרויען קומען צו קידוש החמה און זאלן הערן ווי די מענער מאכן די ברכה, און זיי זאלן אינזינען האבן יוצא צו זיין מיט די ברכה פון די מענער.

אין די דברי תורה וואס דער רבי הדברי"י זי"ע האט געזאגט (שב"ק בראשית תשכ"ה) האט ער מסביר געווען א טעם פארוואס פרויען מאכן נישט די ברכה. (עי' בקונטרס קידוש החמה-מנהגי סאטמאר דף כ"ט).

דער מנחת יצחק ברענגט פון הגאון רבי עקיבא יוסף שלעזינגער ז"ל אז די פרויען קומען נישט צו קידוש החמה, ווייל כל כבודה בת מלך פנימה, און א פרוי האט נישט וואס ארויסצוגיין אויפן גאס ווען מענער פארזאמלען זיך.

בשנת תשמ"א ווען מטעם התאחדות הרבנים האט מען באשטימט א באזונדער פלאץ וואו די פרויען זאלן שטיין, האט כ"ק הגה"צ הישיש מאודווארי שליט"א געשריבן א בריוו צום רבי'ן זי"ע, און ער האט מעורר געווען אז מ'פלעגט זיך נישט אזוי פירן. אפילו לויט די שיטות אז נשים זענען מחויב מיט די ברכה האבן זיי געמאכט די ברכה פאר זיך, אבער זיי זענען נישט ארויסגעקומען צום פלאץ פונעם כינוס.

בתוה"ד שרייבט דער אודווארי'ער רב "הייתי ב"ה אצל קידוש החמה אצל כ"ק הרב הקדוש ר' שלו' אליעזר זצ"ל הי"ד מראצפערט, וכן הייתי אצל מרן זצוק"ל כאן בארצה"ב, ולא ראיתי שיתאספו הנשים, ואמרו הגדולים כי חדש אסור מן התורה וכו'".

דער רבי האט באלד מודיע געווען אז די מודעה איז געמאכט געווארן דורך עטליכע עסקנים בלי ידיעתו, און אודאי וועט מען נישט משנה זיין ווי מ'האט זיך געפירט מאז ומקדם און די נשים וועלן זיך נישט באטייליגן ביי דעם מעמד. וכך הוה.

דורך די הויכע מייקראפאנען הערט זיך די דרייענדיגע חזנ'ישע שטימע פון הרה"ח ר' אברהם הלוי ווערצבערגער ע"ה, וועלכער זאגט פאר די פיוטים און דער גאנצער עולם זאגט מיט מיט גרויס התרגשות.

מיט שוועריגקייטן האט מען שטיל געמאכט דעם עולם, כדי מ'זאל גוט הערן ווי די רבי מאכט די ברכה.

דער רבי האט געזאגט די ברכה מיט א גרויסע התעוררות ובנעימות כדרכו בקודש ביי יעדע מצוה. דערנאך האט דער עולם נאכגעזאגט מיט א גרויסע התלהבות די ברכה פון "עושה מעשה בראשית", עס איז געווען דער קול תפילה עד לב השמים.

ווי גרויס איז געווען די שמחה ווען מען האט פארענדיגט זאגן די פיוטים, און דער עולם האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודין של שמחה, אנהויבענדיג ביים זינגען "קל אדון" און פארזעצנדיג מיט אנדערע ניגוני שמחה ושבח והודאה צו השי"ת אויף דעם וואס מ'האט זוכה געווען צו דערלעבן דעם פרייליכן היסטארישן מאמענט.

אט כאפט זיך דער רבי אן מיט די רבנים און מיט פארמאכטע אויגן טאנצט מען, אה, שהחיינו וקימנו והגיענו, נאך אזויפיל וואס מ'האט מיטגעמאכט, נאך אזויפיל וואס מ'איז אריבערגעגאנגען, דערזעהט מען זיך דא שטיין חיים כולכם היום. אזא שיינע עדה הקדושה, אזא פרישער לגיון של מלך, אזויפיל טאטעס וואס זענען שוין געבוירן געווארן על אדמת אמעריקע, און האלטן שוין יעצט ביים בר מצוה מאכן זייערע אייגענע קינדער אויף דעם הארטן באדן.

זינגענדיגערהייט באגלייט מען דעם רבי'ן אראפ פון די פלאטפארמע.

הגה"צ רבי שלמה יו"ט ליפא פאללאק זצ"ל דער לאנדסבערגער רב רופט זיך אן צום רבי'ן "דער עולם ווייסט נישט וויאזוי מען דארף זיך וואונטשען עס איז דא וואס וואונטשען זיך "גוט יום טוב" די ריכטיגע וועג איז אז מען זאך זיך וואונטשען "א גוטן מחזור".

דער רבי גייט אראפ פון די בימה און דער ציבור נעמט זיך טאנצן מיט התרוממות, ארום דעם רבי'ן איז פארמירט א מענטשן רינג וואס כאפן זיך אן איינער אין צווייטן און טאנצן מיט גרויס התרגשות, אזוי איז מען געטאנצן די

גאסן לענג אויס בעדפארד עוו.

אויפן וועג גייענדיג צום בית המדרש, האט זיך דער רבי אפגעשטעלט אינמיטן די גאס און געזאגט דברי תורה לכבוד המעמד.

די חסידים וואס האבן זיך געשטופט ארום דעם רבי'ן צו הערן די דברות קודש. וחבל על דאבדין אז עס איז נישט געווארן דאן אפגעשריבן.

דער רבי קומט אריין אין בית המדרש דורך ראדני סט. און דער עולם האט זיך אויסגע'שורה'עט פון די צוויי זייטען שטופנדיג זיך צו האבן די זכיה צו געבן פארן רבי'ן די הענט און באקומען א ברכה פונעם רבי'ן אז מען זאל דערלעבן דעם קומענדיגען מחזר. דער רבי איז א דורך דעם עולם שטראלענדיג פון גרויס שמחה און געוואונשען ברכות לרוב פארן ציבור. און מיט גרויס התרגשות ווען טרערן קומען אים פון די אויגן האט ער געוואונטשן פארן גאנצן עולם אז דאס קומענדיגעס מאל זאלן מיר מאכן קידוש החמה מיטן מלך המשיח אין ירושלים עיה"ק.

פון דארט האט זיך דער ציבור צושפרייט יעדער אין זיין ריכטונג, די בעלי בתים צו דער ארבעט, די בחורים צום גרויסן פארהער וואס דער רבי איז אריבערגעקומען אין די ישיבה קטנה צו פארהערן די לימודים פון א גאנצן ווינטער.

די ת"ת קינדער זענען געפארן אין חדר אריין, ווי די מלמדים האבן ממשיך געווען צו רעדן און דערציילן איבער די ענינים פון קידוש החמה, און געטון פעולות אז די קינדער זאלן געדענקען דעם מעמד.

די בחורים וואס האבן געהאט די זכי' אז דער רבי זאל זיי פארהערן זענען שפעטער אריבערגעפארן קיין בארא פארק, ווי עס איז אפגעראכטן געווארן א מסיבה של מצוה אין ביהמ"ד עצי חיים סיגעט.

דער רבי האט ביי די מסיבה געזאגט דברות קודש, אנהויבנדיג "מיר האבן היינט זוכה געווען צו די זעלטענע מצוה פון קידוש החמה, ס'איז נישט אויסגעקומען בשעת מעשה די געלעגענהייט צו זאגן דברי תורה לכבוד היום, וועל איך יעצט זאגן וואס איך האב געקלערט..."

דער רבי האט דאן געזאגט הערליכע דברי תורה בענינא דיומא.

## שואל ומשיב

# הכין ופעל זהרי חמה

אין דעם קאפיטל וועלן מיר בע"ה לערנען אביסל צו פארשטיין וואס עס פאסירט מיט די זון ביי "ברכת החמה", און פארוואס מ'מאכט די ברכה איינמאל אין אכט און צוואנציג יאר.

יעדן טאג ביים דאווענען געבן מיר אפ א שבח והודאה פארן רבש"ע "מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך", די בריאה וואס דער רבש"ע האט באשאפן איז צוזאמען געשטעלט מיט א מורא'דיגע אומבאגרייפליכע חכמה, די טבע הבריאה, די נאטור וואס מיר לעבן מיט, דאס וואס בייטאג איז ליכטיג און ביינאכט איז טונקל, ווינטער איז קאלט און זומער איז הייס, ווינטער וואקסט און זומער שניידט מען, אלעס איז פארבינדן מיט א חכמה נפלאה וואס דער יוצר בראשית האט ארייגעלייגט אין די טבע, ובעיקר איז די זון וואס שיינט אויף אונזער וועלט, עס דרייט זיך ארום אונזער וועלט, און עס האט די גרעסטע השפעה אויף אונזער וועלט.

מיר לויבן דעם הייליגן באשעפער "א-ל ברוך גדול דעה, הכין ופעל זהרי חמה, טוב יצר כבוד לשמו, מאורות נתן סביבות עוזו", דאס וואס דער רבש"ע האט באשאפן די 'זהרי חמה' דאס איז משפיע אויף די גאנצע וועלט, און אזוי פירט זיך די טבע פון השי"ת בעולמו.

באמת דער לימוד איז א טיפער און א שווערער, עס פארנעמט סימנים אין שולחן ערוך, עס זענען טיפערע זאכן, אבער מיר וועלן זיך קאנצעטרירן צו לערנען פשוט'ע פאקטן צולייגט אויף א לייכטן אופן אויסגעשטעלט אין פארעם פון א שמועס פון א פריוואטן רבי וואס לערנט מיט זיין תלמיד יואל נ"י, וואס

שטעלט אים די פראגן ארום די ענינים, וואס האפענטליך אזוי וועט קלאר ווערן די אלע ענינים. (דער סדר און אינהאלט פון דעם מאמר איז צונויפגעשטעלט געווארן דורך א חשוב'ן מרביץ תורה הרה"ח ר' יצחק פריעדמאן שליט"א ביים לעצטן קידוש החמה בשנת תשמ"א, מיר האבן דאס איבערגעדרוקט מיט פארשידענע שינוים און הוספות).

## וואס מיינט א יאר?

**יואל:** איך האב געוואלט פרעגן דעם רבי'ן, ביי אונז אין חדר איז יעדער פארנומען מיטן רעדן וועגן "ברכת החמה", מיינע חברים גייען פרעגן זייערע זיידעס וואס זיי געדענקען פונעם לעצטן ברכת החמה, און איך שפיר זיך זייער אינדערויסן פונעם בילד, ווייל איך האב נישט קיין השגה וואס דאס מיינט.

איך ווייס אז מ'מאכט א ברכה און מ'לויבט דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער האט אונז געגעבן די זון, אבער איך וויל פארשטיין פארוואס נאר איין מאל אין 28 יאר מאכט מען די ברכה, פארוואס נישט יעדן אינדערפרי ביי ברכת השחר, אדער יעדן חודש אזוי ווי קידוש לבנה?

**רבי: יואל'ישל, כ'האב זייער הנאה פון דיר, דו פרעגסט ווי א תלמיד חכם, דו לייגסט גוט אראפ די שאלה, און מ'זעהט פון דעם אופן ווי אזוי דו פרעגסט אז דו וועסט אי"ה וואקסן א תלמיד חכם.**

**לאמיר אנהויבן אזוי, זאג דו מיר קודם וואס מיינט א יאר?**

**יואל:** א יאר?! פשוט! 365 טעג איז איין יאר! פון ווען מ'גייט אריין אין כיתה ח' ביז מ'גייט אריין אין כיתה ט'...

**רבי: פיין, איך פרעג אבער פארוואס איז פונקט 365 טעג איין יאר, פארוואס נישט טויזנט, פארוואס נישט הונדערט?**

**יואל:** דאס ווייס איך טאקע נישט.

**רבי: וועל איך דיר זאגן, א יאר מיינט די צייט וואס עס נעמט פאר די זון ארום צו גיין די גאנצע וועלט און דאס נעמט דריי הונדערט פינף און זעכציג מיט א פערטל טעג.**

**יואל:** וואס? 365 ¼ טעג? יעדן טאג אין יאר גייט דאך די זון ארום די וועלט, אזוי ווי מיר זעען איר יעדן אינדערפרי אין מזרח זייט און יעדע נאכט גייט דאס אונטער אויף מערב זייט?

**רבי: יא, אמת – די זון גייט ארום די וועלט יעדן טאג, זי הויבט אן אינדערפרי פון מזרח און קומט אן ביינאכט אין מערב, אבער זי מאכט אויסערדעם נאך איין לאנגע הקפה ארום די וועלט און דאס דויערט איר איין גאנצע יאר – אדער פונקטליכער געזאגט 365 ¼ טעג.**

**יואל:** רבי, איך פארשטיי נישט, ווי אזוי מאכט מען איין הקפה וואס נעמט א טאג און די צווייטע נעמט 365 מאל אזויפיל?

**רבי: פיין, איך וועל עס דיר ערקלערן מיט א משל, ווי אזוי קומסטו יעדן טאג אין חדר?**

**יואל:** מיט די באס.

**רבי: אקעי, יעצט שטעל דיר פאר, אז די באס האט דרייסיג זיצן, פופצן אויף איין זייט און פופצן אויף די אנדערע זייט, און דו זיצט יעדן טאג אויף א אנדערע זיץ.**

**דעם ערשטן טאג – אויף די ערשטע זיץ פון די רעכטע זייט (דארט וואו די רבי'ס זיצן), דעם צווייטן טאג – אויף די צווייטע זיץ, דעם דריטן טאג – אויף די דריטע זיץ, און אזוי יעדן טאג זעצטו זיך מיט איין זיץ ווייטער.**

**יעצט לייג צו קאפ, נאך 15 טעג זעצטו דיך אויף די לעצטע זיץ פון די לינקע זייט, און יעדן טאג זעצטו דיך מיט איין זיץ נאנטער. דעם דרייסיגסטן טאג זיצטו אויף דעם ערשטן זיץ פון די לינקע זייט אונטערן דרייווער, וואס איז גאנץ נאנט צום ערשטן זיץ וואו דו האסט אנגעפאנגען.**

**יעצט לאמיר דיך פרעגן, אין די דרייסיג טעג, ביסטו יעדן טאג אנגעקומען אין חדר ?**

**יואל:** זיכער! דער באס ברענגט דאך מיך פון מיין הויז ביז צום חדר ?! (אויסער ווען איך בין פארשלאפן...)

**רבי: אבער ביסטו יעדן טאג געווען אויפ'ן זעלבן פלאץ אין באס?**

**יואל:** ניין, יעדן טאג בין איך געזעסן אויף אן אנדערן פלאץ.

**רבי: ווען וועסטו נאכאמאל, זיין אויפ'ן ערשטן פלאץ וואו דו ביסט געזעסן דעם ערשטן טאג?**

**יואל:** דעם איין-און-דרייסיגסטן טאג – ווייל אין דרייסיג טעג ריק איך מיך אלץ איין זיץ; פון ערשטן זיץ צום צווייטן, פון צווייטן צום דריטן ביז צום דרייסיגסטן טאג בין איך אינעם דרייסיגסטן זיץ, און מארגן – דעם 31-סטן טאג בין איך צוריק אויפ'ן ערשטן זיץ.

**רבי: יעצט יואלי'של טייערער, וועסטו שוין זייער גוט פארשטיין וואס דאס איז א יאר.**

**שטעל דיר פאר, די זון זיצט אויך אין א באס – וואס מיר רופן "גלגל יומי". דאס איז אזוי גרויסער רעדל וואס דער אייבערשטער האט באשאפן דער רעדל האט אויף זיך אנגעהאנגען די גאנצע מערכת השמים, די זון און שטערנס און מזלות, און דער רעדל דרייט זיך א גאנצע צייט און אלעס דרייט זיך מיט, דער גלגל יומי גייט ארום די גאנצע וועלט אין איין טאג. ער קומט אן יעדן פרי אויף מזרח – אזוי ווי דער באס קומט אן יעדן פרי צום חדר, ער ברענגט מיט די זון – אזוי ווי דער באס ברענגט דיך.**

**אבער די זון ריקט זיך אויף צוריק צו וועגס אויפן "גלגל יומי באס" יעדן טאג מיט 'איין זיץ'.**

**דיין באס האט נאר 30 זיצן און דערפאר נאך 30 טעג ביסטו שוין צוריק געווען אויף דיין ערשטן פלאץ. דער "גלגל יומי" אבער האט גאנצע 365 זיצן, און דערפאר דויערט עס לענגער ביז די זון קומט צוריק אויף איר ערשטע פלאץ. דאס דויערט 365 טעג און נאך א פערטל טאג (365 ¼ טעג).**

**יואל:** יישר כח רבי, איך מיין אז איך פארשטיי עס שוין זייער קלאר. נאר וואס איז די לשון "שנה"?

**רבי: "שנה" איז א לשון פון איבער"חזר'ן – נאך 365 ¼ טעג וועט די זון איבער'חזר'ן די זעלבע הקפה נאכאמאל. זי וועט זיך ריקן אין דעם "גלגל יומי" איין ביסעלע יעדן טאג, פון ערשטן פלאץ ביז צום לעצטן. און אזוי – יאר נאך יאר.**

# תקופת השנה

**יואל:** נו, יעצט ווערט מיר שווערער די קשיא וואס איך האב געפרעגט אנהויב, פארוואס מאכט מען טאקע נישט די ברכה יעדע אנהויב יאר, למשל ראש השנה, אדער ראש חודש ניסן ווען די זון הייבט אן איר נייער גאנג.

**רבי: מיר מאכן א ברכה נאר ווען די זון הייבט אן איר הקפה אין דעם זעלבן טאג אין די וואך און אין די זעלבע שעה וואס זי האט אנגעפאנגען ביי בריאת העולם.**

יואל: ווען איז דאס?

**רבי: דינסטיג נאכט, 6 אזייגער.**

**יואל:** איך פארשטיי נישט, פאנגט זי דען נישט אן יעדעס יאר איר הקפה אין דעם זעלבן טאג אין וואך און אין די זעלבע שעה ווי דאס ערשטע מאל? און אויב נישט – וויל איך פארשטיין פארוואס נישט?

**רבי: דו וועסט דאס קענען זייער לייכט פארשטיין. זאג נאר יואל'יש, וויפיל טעג איז פאראן אין איין וואך?**

**יואל:** זיבן.

**רבי: וויפיל וואכן איז דא אין איין יאר ?**

**יואל:** צוויי און פופציג.

**רבי: און וויפיל טעג איז פאראן אין 52 וואכן ?**

**יואל:** (נעמט ארויס א קאלקילעיטאר)... 364 טעג (52x7=364).

**רבי: יעצט זאג מיר קען די זון ענדיגן איר הקפה אין 364 טעג ?**

**יואל:** ניין, זי ברויך נאך איין טאג מיט איין פערטל, ווייל עם דויערט איר 365 ¼ טעג.

**רבי: נו... יעצט פארשטייסטו שוין? אויב למשל די זון האט אנגעהויבן איר הקפה דאס יאר זונטאג אינדערפרי 6:00 אזייגער וועט נאך 52 וואכן זונטאג אינדערפרי זיין פונקט 364 טעג, יעצט רעכן אליינס אויס ווען וועט די זון פארטיגן איר הקפה ?**

**יואל:** נאך איין טאג מיט א פערטל, דאס הייסט מאנטאג מיטאג 12:00 אזייגער.

**רבי: פארוואס ?**

**יואל:** ווייל מען לייגט צו צום זונטיג 6:00 אזייגער אינדערפרי – נאך איין טאג און איין פערטל טאג – וואס דאס איז 6 שעות. קומט עם אוים מאנטאג מיטאג 12:00 אזייגער.

**רבי: זייער גוט! מיר האלטן שוין אויף א ווער.**

## תקופה ראשונה

**יואל:** רבי, וועלכן טאג אין די וואך האט טאקע די זון אנגעהויבן איר גאנץ–ערשטע הקפה?

**רבי: דינסטיג נאכט אום 6:00 אזייגער – וואס באמת פאנגט זיך דעמאלט אן מיטוואך.**

**יואל:** פון וואו קענען מיר דאס וויסן? אפילו אדם הראשון איז נאכנישט געווען געבוירן?

**רבי: אין פרשת בראשית (קאפיטל א' פסוק י"ד) געפינען מיר אז דער רבוש"ע האט געזאגט אינעם פערטן טאג פון בריאת העולם: "יהי מארת ברקיע השמים" – עס זאל זיין באלייכטונגען אין די אויסשפרייטונג פונעם הימל. דאס מיינט, אז מיטוואך (וואס פאנגט זיך אן דינסטיג נאכט אום 6:00 אזייגער) זענען געווארן אויפגעהאנגען אין הימל די זון, לבנה און אלע שטערן.**

**גלייך דעמאלט האט די זון אנגעהויבן איר ערשטע הקפה. און ווען – מיינסטו – האט זיך די ערשטע הקפה געענדיגט ?**

**יואל:** אאמממ... לייג צו א טאג מיט זעקס שעה... יא, מיטוואך נאכט 12:00 אזייגער, דאס הייסט די נאכט צו דאנערשטאג.

**רבי: יא, א מחי' צו הערן ווי שנעל דו כאפסט דעם חשבון.**

**יואל:** הייסט דאס אז די צווייטע הקפה האט אנגעפאנגען מיטוואך נאכט צוועלף אזייגער.

**רבי: יא, זייער גוט.**

# מחזור החמה

## דער רונג פון די זון

**יואל:** רבי, נאך וויפיל יאר וועט נאכאמאל אויסקומען די אנפאנג פון די הקפה דינסטאג נאכט 6:00 אזייגער?

**רבי: יעצט האסטו געפרעגט די שפיץ קשיא פון אונזער גאנצע שמועס, טאקע וועגן דעם וועל איך דיר נישט ענטפערן, נאר מיר וועלן דאס אינאיינעם אויסרעכענען.**

**יואל:** איך וועל פרובירן בעז"ה אויסצורעכענען, דורך צו-לייגן צו יעדן יאר איין טאג מיט זעקס שעות. ערשטע הקפה = דינסטיג נאכט 6:00 אזייגער. צווייטע הקפה = מיטוואך נאכט 12:00 אזייגער. דריטע הקפה. = פרייטיג אינדערפרי 6:00 אזייגער. פערטע הקפה = שבת מיטאג 12:00 אזייגער. פינפטע הקפה = זונטיג נאכט 6:00 אזייגער.

**רבי: יואל'יש א סעקונדע, באמערקסטו עפעס דא ?**

**יואל:** אז נאך פיר יאר, דאס הייסט דער אנפאנג פון די פינפטע הקפה איז נאכאמאל 6:00 אזייגער ביינאכט אזוי ווי ביי בריאת העולם, נאר נישט אין דעם זעלבן טאג.

**רבי: דיין תשובה איז צוקער זיס, נאר קענסטו מיר ערקלערן פארוואס דאס איז אזוי?**

**יואל:** יא, ווייל אויב צו יעדן יאר קומט צו איין טאג מיט איין פערטל, קומט אויס נאך פיר יאר איז שוין צוגעקומען פינף גאנצע טעג, פיר גאנצע און פיר פערטלעך איז פינף.... קומט אויס אויב די ערשטע הקפה האט אנגעפאנגען דינסטיג נאכט 6:00 אייגער איז די פינפטע הקפה פונקט מיט פינף טעג שפעטער, וואס דאס איז זונטיג נאכט 6:00 אזייגער.

**רבי: זייער גוט. און יעצט פרוביר ווייטער אויסצורעכענען ביז 28 יאר.**

**יואל:** יעצט וועל איך שוין רעכענען שנעלער, נאך יעדע פיר יאר לייג איך צו פינף גאנצע טעג, גוט, אויב נאך פיר יאר איז די אנפאנג פון די פינפטע הקפה זונטיג נאכט 6:00 אזייגער, קומט אויס נאך די צווייטע פיר יאר – ד.ה. דער אנפאנג פון די נײנטע הקפה – מיט נאך פינף טעג שפעטער – פרייטיג נאכט 6:00 אזייגער.

דרייצענטע הקפה = (נאך דריי מאל פיר יאר) מיטוואך נאכט 6:00 אזייגער. זיבעצענטע הקפה (נאך פיר מאל פיר יאר) = מאנטיג נאכט 6:00 אזייגער. איין-און-

צוואנציגסטע הקפה (נאך פינף מאל פיר יאר) = שבת נאכט 6:00 אזייגער. פינף–און–צוואנציגסטע הקפה (נאך זעקס מאל פיר יאר) = דאנערשטיג נאכט 6:00 אזייגער. ניין–און–צוואנציגסטע הקפה = דאס הייסט ביים ענדע פון 28 יאר פון בריאת העולם. קומט עס אויס דינסטאג נאכט 6:00 אזייגער!!!

**רבי: געוואלדיג יואל׳יש! זייער זייער גוט! און דאס רופט זיך ״מחזור גדול״; ווייל די זון איז ענדליך צוריקגעקומען צום זעלבן טאג און די זעלבע שעה פון בריאת העולם...**

**און יעצט זאג דו אליין ווייטער.**

**יואל:** און דערפאר מאכן מיר יעצט א ברכה אויף די זון...

איין מינוט, מיינט דאס אז דינסטיג נאכט מאכט מען די ברכה?

**רבי: ניין, ווייל ביינאכט זעט מען נישט די זון, מיר מאכן די ברכה מיטוואך אינדערפרי ווען מ׳זעהט די זון.**

**יואל:** וואס איז די ברכה?

**רבי: ״ברוך אתה ה׳ אלקינו מלך העולם עושה מעשה בראשית״.**

# ארבע תקופות

**יואל:** רבי, פון וועלכן דינסטאג נאכט אין יאר רעדן מיר דא?

**רבי: דינסטאג נאכט ווען עס הייבט זיך אן ״תקופת ניסן״.**

**יואל:** וואס איז דאס ״תקופת ניסן״? זענען דען דא נאך תקופות?

**רבי: יא, ס׳איז פאראן 4 תקופות אין יאר; תקופת ניסן, תקופת תמוז, תקופת תשרי, און תקופת טבת.**

**יואל:** וואס איז דער באדייט פון די פיר תקופות?

**רבי: ווי געזאגט, דויערט די הקפה פון די זון $365\frac{1}{4}$ טעג. דאס ווערט געטיילט אין פיר טיילן – יעדע טייל איז 91 טעג מיט $7\frac{1}{2}$ שעות.**

**פיר מאל 91 טעג מיט 7½ שעות איז פונקט 365 טעג.**

**יואל:** וואס מיינט די תקופות? געשעהט עפעס אן ענדערונג אין די זון? שטעלט זי זיך אפ ביי יעדע איינע פון די 4 תקופות?

**רבי: ניין, איבערהויפט נישט, מיר טיילן עס נאר איין אין פיר חלקים, ווייל ביי אונז אויף די ערד געשעען ענדערונגען, ווי צ.ב.ש. דער וועטער (זומער, ווינטער, צייטיגונג פון תבואה), די לענג פון די טעג און נאך, און דאס אלעס איז תלוי אין די זון.**

**יואל:** פארוואס עפעס מאכט מען די ברכה דוקא ביי "תקופת ניסן"?

**רבי: ווייל אין חודש ניסן איז די וועלט באשאפן געווארן האט דאך די זון אנגעפאנגען איר ערשטע הקפה דעם ערשטן דינסטאג נאכט אין חודש ניסן. (עי' ר"ה דף יב.)**

**יואל:** דאס מיינט אז תקופת ניסן איז אלעמאל דעם ערשטן דינסטיג נאכט אין חודש ניסן?

**רבי: ניין, מיר האבן דאס שוין פריער געלערנט אז נאר יעדע 28 יאר געפאלט עס אויף דינסטיג נאכט.**

**יואל:** אין יעדע 28–סטן יאר איז עס יא די ערשטע דינסטאג נאכט אין ניסן?

**רבי: ניין, די תקופה קען אויך געפאלן די לעצטע וואך אין ניסן, נישט דווקא אנפאנג חודש. און אמאל קען דאס שוין אויך געפאלן סוף חודש אדר.**

**יואל:** וואס איז דער פשט?

**רבי: ווייל די טעג אין חודש האט שוין צו טאן מיט די לבנה נישט מיט די זון.**

## דער גוי'אישער קאלענדער

**יואל:** יעצט בין איך געווארן צומישט, איך פארשטיי נישט וואס דער רבי האט געזאגט.

**רבי: איך וועל דיר דאס ערקלערן. לאמיר אבער ערשט פארשטיין דעם חילוק צווישן דעם גוי'אישן לוח, און, להבדיל, אונזער אידישער "לוח".**

**די גוים ציילן אלעס בלויז לויט די זון. די 365¼ טעג ווערן איינגעטיילט אויף 12 טיילן ("חדשים–מאנאטן"). א טייל חדשים האבן 30 טעג און א טייל האבן 31 טעג.**

**כדי עס זאל זיין מיט א סדר האבן זיי עס מסדר געווען ווי פאלגנד:**

**יעדע צווייטע חודש איז 31 טעג, דאס זענען די חדשים יאנואר, מארטש, מעי, דזשאליי, אויגוסט, אקטאבער, דעצעמבער סך הכל זיבן מאל 31 איז 217.**

**נאכדעם די אנדערע חדשים פעברואארי איז 28, אפריל, יוני, סעפטעמבער, נאוועמבער, זענען 30, צוזאמען איז דאס 148 סך הכל קומט דאס אויס = 365 טעג**

**יואל:** איך פארשטיי נישט, ווי אזוי קען זיין פונקט 365 גאנצע טעג, פריער האבן מיר געשמועסט אז די זון לייגט צו א טאג מיט א פערטל?

**רבי: יואל'יש, האסט ווידער זייער קלוג געפרעגט. אבער טראכט אריין אז מ'מאכט א לוח קען מען דאך נישט מאכן א קאלענדער מיט א פערטל טאג.**

**וועגן דעם האבן זיי געמאכט אן עצה אז מ'מאכט זיך קודם נישט וואוסענדיג פון דעם איינעם טאג, נאר נאך 4 יאר ווען פון 4 פערטלעך איז געווארן איין גאנצער טאג, לייגט מען צו צום יאר איין איבריגן טאג. וועגן דעם דער חודש פעברואר האט יעדע פערטע יאר 29 טעג נישט 28 טעג ווי געווענליך. דאס ווערט גערופן א שנה מעוברת 'ליעפ יער' ביי די גוים לויט די שנות החמה.**

# דער אידישער לוח

**יואל:** און מיט וואס איז אונזער אידישער לוח אנדערש?

**רבי: גאר אנדערש! די ערשטע מצוה וואס דער רבונו של עולם האט געהייסן פאר משה רבינו ווען די אידן זענען נאך געווען אין מצרים איז געווען (שמות י"ב פסוק ב'): "החודש הזה לכם ראש חדשים". דאס הייסט אז מיר זאלן האלטן א חשבון לויט די לבנה. אלע אונזערע ימים טובים זענען אין א באשטימטן טאג אינ'ם חודש פון די לבנה.**

**יואל:** וויפיל טעג איז דא אין איין חודש?

**רבי: אביסל מער פון 29½ טעג.**

**יואל:** און וויפיל טעג איז לויט דעם דא אין א יאר?

**רבי: 354 טעג מיט נאך אכט שעה.**

**יואל:** רבי, אויב אלעס איז געוואנדן לויט די לבנה צי וואס דארפן מיר בכלל צו וויסן דעם חשבון פון די זון?

**רבי: אונזער לוח, מיין טייער קינד, איז זייער אן אינטערסאנטע, די תורה הקדושה הייסט אונז צו ציילן לויט די לבנה אבער אויך לויט די זון.**

**יואל:** וואו אין די תורה שטייט עס?

**רבי: עס שטייט אין פסוק (דברים ט"ז פסוק א') "שמור את חדש האביב ועשית פסח". דאס הייסט אז דער קרבן און אויך דער יום טוב פסח מוז אויסקומען אין די צייט פון פרילינג ווען די תבואה ווערט שוין געצייטיגט. אויך ביי דעם יום טוב סוכות זאגט די תורה (שמות ל"ד פסוק כ"ב) אז עס מוז געפאלן אין צייט פון "אָסִיף" ד.ה. ווען מען ברענגט שוין אריין די תבואה פון די פעלדער ווייל עס קומט שוין די צייט פון רעגן.**

**קומט אויס אז די תורה האט צוזאמען געבינדן אונזערע ימים טובים אז דאס מוז גיין געבינדן מיטן די זון, ווייל די זון איז דאך דער וואס מאכט הייס און ווארעם, דאס אלעס איז אפהענגיג אין די זון אזוי ווי מיר האבן שוין פריער געלערנט.**

## מחזור קטן (לבנה)

**יואל:** רבי, איך פארשטיי נישט ווי אזוי קענען מיר ציילן לויטביידע? דער יאר פון די זון איז דאך 365¼ טעג און דער יאר פון די לבנה איז נאר 354 טעג מיט 8 שעות. ווי אזוי קענען די צוויי חשבונות זיך אויסגלייכן?

**רבי: דו פרעגסט יעצט זייער גוט. איך וועל דיך עפעס אנדערש פרעגן: פארוואס האבן מיר פאר־א־יאר געהאט צוויי מאל דעם חודש "אדר"?**

**יואל:** ווייל פאר־א־יאר איז געווען א שנה מעוברת.

**רבי: פארוואס?**

**יואל:** איך וויים נישט.

**רבי: יעצט וועל איך דיר פארענטפערן דיין פראגע און אויך מיין פראגע; ווייל די שנת החמה (יאר פון די זון) איז לענגער פון די שנת הלבנה מיט באלד 11 טעג – איז אונזער לוח איינגעטיילט אזוי: אין משך פון יעדע 19 יאר מאכן מיר 7 יאר דערפון שנות מעוברות, דאס הייסט אז צו די שנות הלבנה ווערט צוגעגעבן 7 איבריגע חדשים.**

**די אלע טעג וואס פעלן פאר די שנות הלבנה אין די 19 יאר – ווערט אויסגעפילט מיט די צוגעלייגטע 7 חדשים. דאדורך ווערט זיך קענען אויס־גלייכן די שנת הלבנה מיט די שנת החמה.**

**אויב מיר וואלטן קיינמאל נישט געהאט דעם איבריגן חודש אדר דעמאלטס וואלט – נאך עטליכע יאר – געקענט אויספאלן דער יום טוב פסח אינמיטן זומער און סוכות אינמיטן ווינטער.**

**די ניינצן יאר רופן מיר "מחזור קטן", ווייל קעגן דעם "מחזור גדול" פון די זון (28 יאר) איז דאס קליין.**

**יואל:** רבי, יעצט פארשטיי איך שוין בעסער פארוואס די תקופת ניסן און אויך די אנדערע תקופות קענען אויספאלן אמאל נאך אין פריערדיגן חודש און אמאל גאר שפעט אין חודש.

**רבי: ריכטיג, וויבאלד די שנת החמה און די שנת הלבנה איז נישט שטענדיג גלייך, זיי גלייכן זיך נאר אויס במשך די 19 יאר.**

# מחזור גדול

| תשמ״א | תשמ״ב | תשמ״ג | תשמ״ד |
|---|---|---|---|
| ליל ד׳ 6:00 | ליל ה׳ 12:00 | יום ו׳ 6:00 | יום ז׳ 12:00 |
| **תשמ״ה** | **תשמ״ו** | **תשמ״ז** | **תשמ״ח** |
| ליל ב׳ 6:00 | ליל ג׳ 12:00 | יום ד׳ 6:00 | יום ה׳ 12:00 |
| **תשמ״ט** | **תש״נ** | **תשנ״א** | **תשנ״ב** |
| ליל ז׳ 6:00 | ליל א׳ 12:00 | יום ב׳ 6:00 | יום ג׳ 12:00 |
| **תשנ״ג** | **תשנ״ד** | **תשנ״ה** | **תשנ״ו** |
| ליל ה׳ 6:00 | ליל ו׳ 12:00 | יום ז׳ 6:00 | יום א׳ 12:00 |
| **תשנ״ז** | **תשנ״ח** | **תשנ״ט** | **תש״ס** |
| ליל ג׳ 6:00 | ליל ד׳ 12:00 | יום ה׳ 6:00 | יום ו׳ 12:00 |
| **תשס״א** | **תשס״ב** | **תשס״ג** | **תשס״ד** |
| ליל א׳ 6:00 | ליל ב׳ 12:00 | יום ג׳ 6:00 | יום ד׳ 12:00 |
| **תשס״ה** | **תשס״ו** | **תשס״ז** | **תשס״ח** |
| ליל ו׳ 6:00 | ליל ז׳ 12:00 | יום א׳ 6:00 | יום ב׳ 12:00 |

## תשס״ט

ליל ד׳ 6:00

# זקניך ויאמרו לך

עס דערציילט אונזער זיידע

## הגה"צ רבי אלימלך אשכנזי שליט"א

**גאב"ד מעלבארן יע"א – תרפ"ה, תשי"ג, תשמ"א**

בחסדי ה' ובסייעתא דשמיא ערווארטן מיר די זכי' מקיים צו זיין די מצוה פון 'קידוש החמה' אויף אלע פיר עקן פון די וועלט.

איך געדענק אלס קינד **בשנת תרפ"ה** זענען מיר געווען ביים זיידן **כ"ק הרה"ק רבי יצחק אשכנזי זצ"ל** אין **סטאניסלאוו**, און דארט האבן מיר געמאכט די ברכה ביי **קידוש החמה**, וואס איז דעמאלטס אויסגעפאלן אום ערב פסח אזוי ווי היי יאר.

עס איז געווען א שיינער וועטער און א לויטערער הימל, די רבנים האבן דאן געזאגט דרשות, ס'ליגט מיר אין זכרון ווי מענטשן האבן געזאגט "**געדענק גוט, געדענק גוט**", און מ'האט זיך געוואונטשן אז מ'זאל זוכה זיין צו ביאת המשיח.

דאס צווייטע מאל ווען מ'האט געמאכט קידוש החמה **אסרו חג פסח תשי"ג** האב איך זוכה געווען צו מאכן די ברכה אין **ירושלים** עיה"ק, דער עולם איז ארויסגעגאנגען צוזאמען מיטן ביד"צ מאכן די ברכה אונטער די אונגארישע הייזער, און נאכדעם האט מען געטאנצן מיט גרויס שמחה אין "**כיכר השבת**".

עס שטייט מיר פאר די אויגן די מחזה הוד ווי **הרה"צ ר' שמואל הלל שענקער ז"ל** (און איידעם ביי הגה"ק ר' יוסף חיים זאננענפעלד זצ"ל) האט געטאנצן צווישן דעם ציבור מיט אן אויסטערלישע התלהבות.

דאס דריטע מאל האב איך זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה אין די ווייטע **אויסטראליע**, ווי איך האב זוכה געווען צו משמש ברבנות זיין אין די חרדי'שע קהילה אין מעלבארן, דאס איז געווען **ד' ניסן תשמ"א**.

איצט גרייטן מיר זיך מקיים צו זיין די מצוה צום פערטן מאל, דאהי על אדמת **אמעריקע**, ערב פסח הבעל"ט.

מי יתן מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין די מצוה אין ארץ ישראל מיט משיח צדקינו, עס זאל מקוים ווערן דער ויקבץ נדחינו "**מארבע כנפות הארץ**", ושמחת עולם על ראשינו. (מנחם שלמה אשכנזי, חננ' יו"ט ליפא אשכנזי)

עס דערציילט אונז
## הגה"צ רבי שלום קרויז שליט"א
**גאב"ד אודוואַרי – בעל שו"ת דברי שלום – תרפ"ה**

איך האב אלס קינד געוואוינט אין **ראצפערט**, ווי מיין זיידע הרבני החסיד ר' ישראל בער שטיין ז"ל איז געווען פון די נאנטסטע מקורבים ביי **הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל** זי"ע דער זון פונעם הייליגן **דברי חיים**.

**ערב פסח תרפ"ה** איז געווען דער זמן פון קידוש החמה, מיר זענען דעמאלטס געגאנגען צום ביהמ"ד פון **רבי שלום אליעזר'ל**, און דארט אינדערויסן האבן מיר געזאגט די ברכה.

איך געדענק ווי **הרה"צ ר' זושא'לע הי"ד** דער זון פון רבי שלום אליעזר ז"ל האט געקלאפט פאר מיין עלטערער ברודער ע"ה, מיר האבן זיך געוואונדערט וואס ער וויל, זאגט ער אונז "איך וויל עטס זאלט ענק וואונדערן, אזוי וועט עטס געדענקען קידוש החמה"... טאקע וועגן דעם געדענק איך דאס.

וויפיל איך געדענק פונדערהיים איז אין ערגעץ נישט געקומען קיין נשים צו קידוש החמה, ווען בשנת תשמ"א האט מען אין וויליאמסבורג מפרסם געווען אז מ'שטעלט צו א פלאץ וואו די נשים זאלן זיך צוזאמען קומען צו קידוש החמה, האב איך געשריבן א בריוו צום **רבי'ן דער ברך משה זי"ע**, און מברר געווען דאס ענין, דער רבי האט טאקע באפוילן אז מ'זאל דאס מבטל זיין.

עס דערציילט אונזער זיידע
## הגה"צ רבי ברוך מיללער שליט"א
**ראש הכוללים קרית יואל – תרפ"ה, תשי"ג**

**דאס ערשטע מאל** וואס איך האב מיטגעהאלטן א מעמד ברכת החמה איז געווען נאך אלס קינד אין **דזיבוי**, וואו מיינע עלטערן האבן געוואוינט, כ'בין אלט געווען ארום 5-6 יאר, און ס'איז שווער צו געדענקען מער פרטים.

**דאס צווייטע מאל בשנת תשי"ג** האב איך געוואוינט אין ארץ ישראל, ברכת החמה איז געווען מיטוואך צווי טאג נאך פסח (אין חו"ל איז דעמאלטס געווען אסרו חג), איך בין געווען א תלמיד פון **הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל**, האב איך געדאווענט דארט אין ביהמ"ד, און נאכן דאווענען זענען מיר ארויסגעגאנגען מאכן די ברכה ברוב עם.

עס איז געווען א גרויסער עולם וואס איז געגאנגען מאכן די ברכהביים "**אונגארישן פעלד**" וואס די עדה החרדית האט דארט אנגעפירט מיטן דעם מעמד דאס גאנצע בית דין, ברוב עם הדרת מלך.

**דאס דריטע מאל** האב איך געזאגט דא אין אמעריקע, אין וויליאמסבורג, וואו איך בין געווען א מגיד שיעור אין די ישיבה קטנה,

בחסדי ה' וועלן מיר יעצט זוכה זיין צו זאגן די ברכה צום **פערטן מאל**. (אליעזר בערקאוויטש, אברהם בערקאוויטש, יעקב מרדכי פנחס עקשטיין, קלמן אליעזר עקשטיין, אלכסנדר יושע עקשטיין, יואל מרדכי קרעמער, ישראל מאיר הלוי ווייס, נפתלי הערש לאנדא, יודא לייב ווייס, הילל ווייס,שלמה הלוי ווערצבערגער, יואל הלוי ווערצבערגער, אלכסנדר יעקב שלום קליין, יודא לייב מערמלשטיין, משה אהרן פילעפף, נתנאל וויינבערגער, שלום לאנדא)

**עס דערציילט אונזער עלטער זיידע-עלטער פעטער**
## הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא מאנן שליט"א
**תרפ"ה**

בעזה"י וועלן מיר זוכה זיין קומענדיגן ערב פסח צו בענטשן דאס **פערטע מאל ברכת החמה**, חסדי ה' כי לא תמנו, דער אייבערשטער זאל געבן כח און געזונט אויף ווייטער.

**דאס ערשטע מאל** וואס איך האב געמאכט די ברכה פון ברכת החמה איז געווען אין **ראצפערט**, מיר האבן געוואוינט נעבן די שטאטישע גרויסע שוהל וואו עס האט געדאווענט דער **מרא דאתרא הגה"צ ר' שאול ראזענבערג זצ"ל**, איך בין געווען א בר מצוה בחור'ל מילא בין איך געגאנגען צום חצר פון די שוהל וואו יעדער איז געווען און מ'האט דארט געזאגט די ברכה מיטן רב אינאיינעם.

עס איז געווען א נוסח וואס מ'האט עקסטער געדרוקט און פארטיילט פארן עולם, נאכדעם האט מען געטאנצן מיט גרויס שמחה צוליב די זעלטענע געלעגענהייט פון די מצוה. (אליעזר מאנן, יואל זאבעל, יואל הערש זאבעל, אלימלך זאבעל, אליעזר זאבעל, יצחק שמעון זאבעל, משה דוד דאווידאוויטש, נטע מאיר דאווידאוויטש, ישכר בער דאווידאוויטש)

**עס דערציילט אונזער זיידע**
## הרה"ח ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער שליט"א
**תרפ"ה, תשי"ג**

**בשנת תרפ"ה** האבן מיר געוואוינט אין **קראלי**, דער **רבי זי"ע** איז נאך דעמאלטס געווען אין אורשיווע, יענעם יאר איז קידוש החמה געפאלן ערב פסח, און דער ציבור איז זיך צוזאמען געקומען מקיים זיין די מצוה ברוב עם הדרת מלך.

דאס צווייטע מאל, **בשנת תשי"ג** האב איך זוכה געווען צו מאכן די ברכה נעבן רבי'ן זי"ע, צוזאמען מיטן גאנצן עולם ביים **אלטן ביהמ"ד אויף בעדפארד עוו.** (אברהם מרדכי גרינפעלד, משה עזריאל שווארץ, יואל יושע ווערצבערגער, חיים אברהם ווערצבערגער)

**עס דערציילט אונזער עלטער זיידע**
## הרה"ח ר' פישל פריעדמאן שליט"א
**תרפ"ה**

איך האב געוואוינט אלס קינד אין **סעליש**, איך געדענק ווי יענעם **ערב פסח תרפ"ה** בין איך געגאנגען מיט מיין מאמע ע"ה שחט'ן די עופות לכבוד יו"ט, וואס דאס איז געווען א ווייטער וועג ביזן שלאכט הויז. דעמאלטס זענען דארט געווען די צוויי שוחטים הרה"ח ר' ראובן חיים ראזענבערג ע"ה און הרה"ח ר' בעריש לעבאוויטש ע"ה.

אויפן וועג האבן מיר געזעהן ווי עס שטייט א גרויסער עולם פארן חסיד'ישן ביהמ"ד ווי מיר האבן געדאווענט (ביי אונז האט מען דאס גערופן 'די ספרד'ישע שוהל' ווייל מ'האט דארט געדאווענט נוסח ספרד) רוב עולם דארט איז

באשטאנען פון **סיגוטער חסידים**, און מ'האט געמאכט קידוש החמה מיט גרויס שמחה. עס איז געווען אזא גרויסער עולם אז מיר האבן געדארפט אראפגיין אויפן ראוד צו קענען דורכגיין.

ווארשיינליך, פון דעם וואס איך געדענק מיין מאמע גיין צום שלאכט הויז, ווייזט אויס אז פרויען זענען נישט געקומען צו קידוש החמה. (אהרן אלעזר הלוי רובינפעלד, דוד יואל אויש)

**עס דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' שמואל יצחק ראטה הי"ו

**תרפ"ה, תשי"ג, תשמ"א**

די ערשטע **קידוש החמה** וואס איך האב מיטגעלעבט איז געווען אין **בודאפעסט, ערב פסח תרפ"ה**, איך בין נאך געווען א קליין אינגל פון פינף יאר, מ'האט מיך נישט מיטגענומען צום מעמד קידוש החמה, אבער איך געדענק ווי מ'האט דעמאלטס אסאך ארומגערעדט דערוועגן.

**שנת תשי"ג** האבן מיר געוואוינט אין **האליין**, אויסטריע, דעמאלטס איז קידוש החמה אויסגעפאלן אסרו חג פסח, איך געדענק אז עס איז געווען א גוטע וועטער, מ'האט פיין געזעהן די זון, נאכן דאווענען איז יעדער ארויס אין שול הויף מיט טלית ותפילין אז אזוי מיט מנין האט מען געמאכט די ברכה, דער רב איז געווען **הרה"ג ר' טובי' ליבערמאן זצ"ל**.

**תשמ"א** האב איך ארויסגעגעבן א קונטרס פון עניני קידוש החמה מיטן גאנצן נוסח, וואס מ'האט דעמאלטס פארקויפט, איינס דערפון האב איך געלאזט שיין בינדן און איינגעקריצט לכבוד דעם רבי'ן דער **ברך משה זי"ע** און אויך אריינגעשריבן דערין, דער רבי האט דאס טאקע גענוצט ביים מעמד און זיך פיל באדאנקט פאר מיר. יענע יאר איז עס אויסגעפאלן ד' ניסן, עס איז געווען א שיינער וועטער.

**היי יאר ערב פסח תשס"ט** וועט אי"ה ווידער זיין דער מעמד, מיר האפן דאס צו דערלעבן מיט משיח צדקינו, עס איז די 207'טע מאל קידוש החמה, **כמנין אור**, זאלן מיר שוין אויסגעלייזט ווערן מיטן גרויסן אור בב"א.

אזוי ווי אונזער זיידע עמו"ש ארבעט אסאך מיטן אויסרעכענען אלעערליי זמנים האט ער שוין אויסגערעכענט ווען די קומענדיגע קידוש החמה וועלן אי"ה אויספאלן, ווי פאלגענד: תשצ"ז כ"ג ניסן אסרו חג פסח, תתכ"ה ה' ניסן, תתנ"ג י"ב ניסן, תתפ"א כ"א ניסן, תתק"ט ב' ניסן, תתקל"ז י"א ניסן, תתקס"ה י"ט ניסן הבעל"ט. (יואל ווייס, אליעזר זוסמאן בראך, אליעזר רובינשטיין, הערשל בערגער)

**עס דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' יקותיאל ווייס שליט"א

**תרפ"ה, תשי"ג, תשמ"א**

ער געדענקט נאך בליעה"ר ביז יעצט 3 מאל א מעמד קידוש החמה עמו"ש.

די ערשטע מאל אין יאר תרפ"ה אין **קאסאני**, ווען ער איז געווען א קליין קינד, צוזאמען מיט **הגה"ק מ'קאסאני זצ"ל**, ווען זיין זיידע ר' נטע איז געווען דעמאלטס דער משמש בקודש, אונזער זיידע געדענקט

נאך אויף וועלכע פלאץ ער איז דעמאלטס געשטאנען.

**די 2'טע מאל אין יאר תשי"ג** איז ער געווען אין ירושלים עיה"ק, ער האט געמאכט די ברכה צוזאמען מיט די **גאונים וצדיקים חברי הביד"צ זי"ע**, די שמחה איז דאן געווען אין לשער.

**די 3'טע מאל אין יאר תשמ"א** זייענדיג דער משב"ק פון **הגה"ק מ'סקולען זצ"ל**, איז ער געווען צוזאמען מיט סקולענער רבי זצ"ל אין וויליאמסבורג, דער סקולענער רבי איז ארויסגעקומען אויף די טרעפ פון זיין הויז, און מיט א גרויסן ציבור אינאיינעם האט מען געמאכט די ברכה, און דער רבי האט געווינטשן אז מ'זאל שוין זוכה זיין בקרוב לביאת המשיח בב"א. (יוסף ווייס)

### עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' אהרן הכהן פאללאק ע"ה
### תרפ"ה

בשנת **תרפ"ה** איז געווען קידוש החמה ערב פסח, זיי האבן געוואוינט אין **זענטא**, און זיי זענען געפארן צום מעמד קיין פעטראוואסעלא.

ווען זיי זענען אוועק געגאנגען פון שטוב איז נאך געווען טונקל, זיי זענען געפארן קיין **פעטראוואסעלא** און זיי האבן מיט גענומען די חמץ צו פארברענען, און עס איז געווען דארט **מעמד קידוש החמה**, און שריפת חמץ, און אפיית מצה.

ווען זיי זענען צוריק געקומען מיטן וואגען צום שטאט אהיים איז געפאלן א גרויסע שניי, אבער מ'האט געהאט די זכיה אז מ'האט נאך אריינגעכאפט צו מאכן קידוש החמה כהלכתה. **(יעקב הכהן פריעדמאן, יואל וויינשטיין, אליעזר מאנן)**

### עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה הכהן קאהן הי"ו
### תרפ"ה

איך געדענק קידוש החמה בשנת תרפ"ה לפ"ק ביי אונז אין **סעקלהעיד**, עס איז געווען ערב פסח, מיין טאטע האט מיך אויפגעוועקט זייער פרי צום מעמד, און מיר זענען ארויסגעקומען צום שוהל הויף א ציבור ארום הונדערט אידן ברוב עם הדרת מלך. עס איז געווען ב"ה א שיינער וועטער.

איך געדענק ווי אפילו די עמי הארצים וואס מ'האט קיינמאל נישט געזעהן אין שוהל זענען דעמאלטס אויך געקומען.

דער מעמד איז געווען אין שפיץ פון **אונזער הייליגער רב, רבי יודא הלוי ראזנער זצ"ל דער סעקלהעידער רב**, און עס איז געווען א גרויסע שמחה. איך געדענק אז די פרויען האבן נישט מיטגעהאלטן דעם מעמד.

(עס ליגט מיר גאר בעסער אין זכרון דער קידוש החמה פון תרפ"ה ווי דער קידוש החמה פון תשמ"א...) (יושע קאהן, נפתלי גרינפעלד, יעקב שאפפער, יעקב פויגל)

**עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' חיים פעדער ע"ה

**תרנ"ז**

ער האט זוכה געווען צו דערלעבן פיר קידוש **החמה**'ס, ער איז געבוירן געווארן בשנת תרנ"ב, אזוי אז ביים ערשטן קידוש החמה **תרנ"ז** איז ער אלט געווען פינף יאר, און ער איז נפטר געווארן בשנת תשמ"ב לפ"ק.

ער האט נישט צופיל געדענקט פונעם מעמד, נאר אזויפיל איז אים געבליבן אין זכרון אז מ'האט דעמאלטס געדרוקט קונטרסים מיטן נוסח פון ברכת החמה, און נאכן מעמד ווען דער עולם האט אראפגעלייגט די קונטרסים זענען די קינדער געקומען און אלעס געכאפט. **(חיים דוד פארגעס, שלמה פארגעס)**

**עס דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' משה הערש בערנאטה ע"ה

**תרפ"ה**

ער האט געוואוינט אלס קינד אין **באניע**, ביים לעצטן קידוש החמה תשמ"א האט ער דערציילט פאר מיין טאטן אז מיט 56 יאר פריער בשנת תרפ"ה איז ער שוין געווען א גרעסער אינגל, און ער געדענקט ווי אלע אידן זענען ארויסגעגאנגען אויף א גרויסן פרייען פעלד אונטער די שוהל.

נאכן מאכן די ברכה האט מען געמאכט א גרויסן רונג, און אלע מענטשן צוזאמען מיט די קינדער זענען געטאנצן "**טובים מאורות**" די געהויבענע שמחה איז אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. (אהרן אליעזר בערנאטה)

**עס דערציילט מיין זיידע**

## הגה"צ רבי משה ראטענבערג שליט"א

## אב"ד וואוידיסלאוו – תשי"ג

ביים **קידוש החמה שנת תשי"ג לפ"ק** בין איך שוין געווען א גרעסערער בחור, און איך האב געלערנט אין די נייטרא ישיבה אין מאונט קיסקא. אבער דער מעמד קידוש החמה איז געווען **אסרו חג פסח** ווען עס איז געווען בין הזמנים, און עס איז נישט געווען קיין ישיבה.

איך בין געווען אין **בארא פארק** ביי מיין טאטן **דער וואוידיסלאווער רב זצ"ל**, לפי זכרוני איז מיין טאטע זצ"ל ארויסגעגאנגען מאכן די ברכה מיט טלית ותפילין אן קיין בגדי שבת.

**בשנת תשמ"א** האט ער געוואונטשן פאר יעדן אז ער זאל זוכה זיין צום קומענדיגן קידוש החמה, האט זיך איינער אנגערופן צו איהם אז דער רב זאל זוכה זיין צו דערלעבן דעם קומענדיגן קידוש החמה, אבער ער האט גארנישט געענטפערט, נאר איגנארירט די ברכה.

דעם פאלגענדן בריוו האט מיין זיידע שליט"א אפגעשריבן ביום קידוש החמה תשמ"א:

**ב"ה, יום ד' פרשת טהרה ד' ניסן שנת קרן ישועה לפ"ק, פה ברוקלין יצ"ו**

**היום זכינו לברך ברכת החמה תחלת מחזור ר"ו - הא"ר פניך ונושע - זמן עלות עלות השחר הי' בשעה 4:16 ונץ החמה בשעה 5:28 בשעה 6 התחלנו תפילת שחרית יחד עם כ"ק אאמו"ר הרה"צ שליט"א יחי' נצ"ח, אחרי אשרי ובא לציון הניח תפילין דרבינו תם וקודם עלינו יצא החוצה, ועמו אתו יחד כל הקהל הקודש, והתחיל הללויה הללו את ה' וכו' עד חק נתן ולא יעבור ואח"כ בירך הברכה "עושה מעשי בראשית" ואח"כ למנצח בנגינות מזמור שיר, ואח"כ אנא בכח, ואח"כ הללוה קל בקדשו ואח"כ למנצח מספרים.**

**אח"כ בשירה ובזמרה "טובים מאורות" עד הסוף, ואח"כ עלינו ועל כן נקוה, נכנסנו לביהמ"ד ורקדנו על כן נקוה ואח"כ אמר קדיש יתום ואח"כ חילק יי"ש ומזונות ובירך את כל אחד שנזכה בקרוב לקבל פני משיח, בב"א.**

**כן יעזור השי"ת שנזכה מתוך נחת עוד הלקיים מצוה זו בנחת ובשמחה ובשמחת עולם על ראשינו אמן. משה הלוי בן מלכה.** (משולם פייש הלוי ראטענבערג)

עס דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה"ח ר' ישראל אלימלך ווערטהיימער הי"ו

תרפ"ה

ביי קידוש החמה **תרפ"ה לפ"ק** בין איך נאך געווען א קליין קינד, מיר האבן זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה און מאכן די ברכה אין די שטאט מעליץ וואו מיין טאטע ע"ה איז געווען דער ראש הקהל. (ליפא יואל פישער)

עס דערציילט אונז

## הגה"צ ר' שמואל בראך שליט"א

**אב"ד נאנאש תשי"ג**

איך האב זוכה געווען בשנת תשי"ג לפ"ק צו משמש זיין בקודש פנימה ביים **רבי'ן בעל דברי יואל זי"ע**, איך וועל דא איבערגעבן וואס איך געדענק פונעם מעמד "קידוש החמה".

פרי פארטאגס איז שוין דער רבי געשטאנען ביים פענסטער און ער האט געקוקט באזארגטערהייט צו די זון האט שוין אויפגעשיינט, ווייל די לעצטע צוויי טעג איז געווען פארוואלקנט, און דער רבי האט געזארגט צי מ'וועט קענען מאכן די ברכה.

אינמיטן רופט זיך דער רבי אן **"די יארדע** (סייד וואק בלע"ז) **איז שוין טרוקן, איז א סימן ווערט שוין קלאר"...** און דער רבי איז געווארן רואיגער, און ער האט געהייסן אז מ'זאל מיטנעמען דעם שטריימל. זאגנדיג "וועט נאך זיין צייט וועל איך גיין בעפאר אין מקוה, אז נישט וועלן מיר גלייך מאכן די ברכה".

דער הויז בחור דעמאלטס איז געווען ר' וואלף בער לעבאוויטש ע"ה, ער האט גענומען דעם שטריימל, און דער רבי איז געגאנגען אויפן וועג צום ביהמ"ד. ווען דער רבי האט אנגעהויבן אראפצוגיין די

טרעפ האט אנגעהויבן צו ווערן אויסגעלייטערט דער הימל. דער רבי האט באלד אנגעטון דעם שטריימל און אנגעהויבן צו זאגן דעם סדר.

אזוי זאגנדיג האט זיך די זון פלוצלונג באוויזן במלא הדרה ועוזה, דאן האט דער רבי געגעבן א שריי מיט קולי קולות די ברכה **"עושה מעשה בראשית"**.

דער רבי איז געווארן אזוי בשמחה עד אין לשער, ער איז שוין געווען פריילך די גאנצע צייט.

אריינגייענדיג אין בית המדרש איז דער רבי געגאנגען צו זיין פלאץ, און מ'האט ארומגעטאנצן אין ביהמ"ד, דערנאך האט דער רבי געזאגט תורה, עס איז געווען א געפערליכע שטופעניש, און נאכדעם האט דער רבי ארומגעשמועסט מיט די ארומיגע רבנים סיפורי קודש.

צווישן די שמועסן האט דער רבי דערציילט די מעשה פונעם דברי חיים זי"ע (זע אויבן אין פרק "ברכת החמה תשי"ג").

**עס דערציילט מיין עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' משה הכהן גראס שליט"א

**תשי"ג**

אין יאר **תשי"ג** איז געווען א פארוואלקענטער טאג, דער **רבי זי"ע** האט געוואלט גיין אין מקוה, אבער דאן האט מען אים געזאגט אז די זון איז שוין ארויסגעקומען, איז דער רבי אריבער די גאס פארנט פון קאפישער בית המדרש מיטן הוט, דער הויז בחור האט גענומען די הוט און אנגעטאן די שטריימל פארן רבי'ן און ער האט געמאכט די ברכות, דערנאך האט דער עולם געזינגען "קל אדון".

דער רבי האט געטאנצען אנגעלאנט אויף צווי מענטשען. מיין עלטער זיידע **דער שארמאש'ער רב** זי"ע מיט אסאך רבנים זענען דארט געווען, איינער פון די רבנים האבן אנגעוואונטשן פארן רבי'ן ער זאל דערלעבן דעם קומענדיגע קידוש החמה דער רבי האט גענפערט "דער אייבערשטער זאל העלפן משיח זאל קומען בב"א". (נפתלי הירצקא גראס)

**עס האט דערציילט מיין זיידע**

## הרה"ח ר' נחום מרדכי שפיטצער ע"ה

**תשי"ג**

**בשנת תשי"ג** ווען עס איז אויסגעפאלן קידוש החמה אסרו חג פסח האב איך זוכה געווען צו זאגן די ברכה אין וויליאמסבורג בצל קדשו פון **רבי'ן זי"ע** נעבן דעם בית המדרש אויף בעדפארד עוו.

דער רבי האט דעמאלטס זוכה געווען צו זאגן די ברכה פון קידוש החמה דאס דריטע מאל, געדענק איך ווי נאך די ברכה האט זיך דער רבי זי"ע אנגעכאפט די הייליגע בארד, און געזאגט **"ווער עס האלט מיט דריי קידוש החמה'ס האט שוין א ווייסע בארד"**. (נחום מרדכי שפיטצער)

### עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' לייב קארפען הי"ו
### תשי"ג–תשמ"א

איך געדענק ב"ה דעם **מעמד קידוש החמה תשי"ג**, בצל קדשו פון **רביה"ק זי"ע**.

עס איז געווען אסרו חג, דער זי"ע איז געקומען צום מעמד מיטן הוט, ער איז געווען אויפן וועג אראפ צו די מקוה ווען די זון האט אויפגעשיינט, האט דער רבי געזאגט פארן הויז בחור "געב אהער דעם שטריימל" און דער רבי האט געמאכט די ברכה.

איך בין געשטאנען נעבן דעם רבי'ן, און איך האב געזעהן ווי **דער ריסקעווער רב זצ"ל** איז דארט געשטאנען און ער האט אנגעווינטשן דעם רבי'ן אז דער רבי זאל דערלעבן נאכאמאל א קידוש החמה. דער רבי איז געווארן זייער בשמחה און ער האט זיך מחי' געווען מיט די ברכה. (חנני' יו"ט ליפא ברא"ש בראך, חנני' יו"ט ליפא לאנדא, יחזקאל שרגא בראך, חנני' יו"ט ליפא בר"פ בראך)

### עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' בערל יאקאבאוויטש הי"ו
### תשי"ג

אין יאר תשי"ג האב איך געלערנט ביים **ווייצענער רב זצ"ל** אין **שיקאגא**, און איך האב דארט געמאכט **קידוש החמה** מיט אים.

איך געדענק אז עס איז דארט געווען א איד וואס האט מיטגעברענגט זיין פיצל קינד, און ער איז געווען פארנומען א גאנצע צייט אז זיין קינד זאל געדענקען קידוש החמה, און ער האט געמאכט אלע מיני סימנים אז ער זאל געדענקען דעם מעמד. (שמעון זאב יאקאבאוויטש)

### עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' אהרן מאיר פארגעס הי"ו
### תשי"ג

נאך די מלחמה בין איך געבליבן אין רומעניען אין די שטאט **קלויזענבורג**, דער עולם איז געווען זייער צובראכן, עס איז געווען נאך די מלחמה און עס איז נישט געווען קיין רב אין שטאט, און קיינער ווער עס זאל פירן די שטאט עפ"י תורה.

אזוי ווייט אז בשנת תשי"ג האט קיינעם נישט עולה געווען על הדעת אז עס איז שנת קידוש החמה און מ'דארף מאכן די ברכה. ממש נאר א דאנק דעם וואס מיין שוואגער ר' חיים פעדער ע"ה האט מיר געשיקט א בריוו און ער האט דארט געשריבן אז היי יאר מאכט מען די ברכת קידוש החמה, א דאנק דעם האט די

גאנצע שטאט זוכה געווען צו מאכן די ברכה און מקיים זיין די מצוה. (שלמה פארגעס, חיים דוד פארגעס, אפרים יואל פארגעס)

**עס דערציילט אונזער ריידע**
**הרה"ח ר' יעקב עקיבא וויינשטאק הי"ו**
**תשי"ג**

מיר האבן האט דאן געוואוינט אין **אנטווערפן**, עס זענען דארט געווען זייער ווייניג אידן, און מ'האט נישט געמאכט קיין גרויס עסק פון קידוש החמה.

אסרו חג פסח האבן זיך ביי יעדע שוהל צוזאמען גענומען די ביסל אידן וואס האבן דארט געדאוונט און מ'האט געמאכט די ברכה "**עושה מעשה בראשית**", און מ'האט דאן געזינגען "קל אדון". (יואל וויינשטיין, מרדכי יודא שווארץ)

**עס דערציילט מיין ריידע**
**הרה"ח ר' דוד פריעדלענדער הי"ו**
**תשי"ג**

איך האב געוואוינט בשנת תשי"ג אין ירושלים עיה"ק, איך געדענק נאך דעם מעמד ווען מיר זענען אלע ארויסגעגאנגען אויפן "אונגארישן פעלד", און דארט איז דער ביד"צ ארויפגעגאנגען אויף א בימה, און מ'האט אינאיינעם געמאכט די ברכה. (אברהם פאלאטשעק)

**עס דערציילט אונזער ריידע**
**הרה"ח ר' מאיר ישראל גאלדבערגער שליט"א**
**תשי"ג**

איך בין געווען א בחור'ל ארום 17-18 יאר ביים מעמד **קידוש החמה תשי"ג**.

מיר זענען שוין געווען דא אין אמעריקע, און איך געדענק ווי איך האב זוכה געווען צו שטיין נעבן **רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל** בשעת דעם מעמד.

נאכן מעמד קידוש החמה האט דער עולם געוואונטשן פארן רבי'ן זי"ע אז ער זאל געזונטערהייט דערלעבן דעם קומענדיגן מעמד קידוש החמה. (ליפא גאלדבערגער, שלום אליעזר גאלדבערגער, בנימין יחזקאל שרגא ווייס)

**עס דערציילט אונזער ריידע**
**הרה"ח ר' בעריש קויפמאן שליט"א**
**תשי"ג**

ווען עס איז געווען דער מעמד קידוש החמה **תשי"ג לפ"ק** בין איך געווען א בחור פון **17** יאר, און איך האב געוואוינט אין **ירושלים** עיה"ק.

דער עולם האט געדאווענט ביים נץ, דערנאך איז מען זיך צוזאמען געקומען נעבן די "אונגארישע הייזער" ווי עס איז דעמאלטס געווען א פעלד וואס מ'האט גערופן "די אונגארישע פעלד", היינט איז דארט אויפגעשטעלט "שיכון שומרי אמונים", דארט איז געווען א ליידיג פלאץ און אלע רבנים אין שפיץ פון **הגאון רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל דער ירושלימ'ער רב** (וועלכער איז נפטר געווארן עטליכע וואכן שפעטער) זענען דארט צוזאמען געקומען.

ווען מ'האט געמאכט די ברכה "**עושה** מעשה בראשית" איז די התרגשות געווען עד אין לשער, נאכדעם האט מען געטאנצן אין די גאסן פון ירושלים שעות ארוכות ביז נאכמיטאג, כאטש געווענליך איז נישטא קיין מוזיק אין ירושלים איז דא געווען פייערליכע מוזיק.

בשעת מ'איז אריבערגעגאנגען דאס הויז פון **הגה"ק מבריסק זצוק"ל** איז ער ארויסגעקומען און ער האט אנגעוואונטשן פארן עולם.

מ'זאגט נאך אז דער **ראב"ד הגאון רבי פינחס עפשטיין זצ"ל** האט פאר ער האט געמאכט די ברכה אנגעטון א נייע מלבוש, און ער האט געמאכט א "שהחיינו" און ער האט מוציא געווען דעם עולם מיט די ברכה. (יחזקאל שרגא קויפמאן, משה ארי' קויפמאן, הערשל געלב).

**עס דערציילט מיין זיידע**

## הרה"ח ר' מרדכי הערשקאוויטש הי"ו

**תשי"ג**

מיט 56 יאר צוריק האב איך זוכה געווען צו מאכן די ברכה פון קידוש החמה אין ירושלים עיה"ק, אינאיינעם מיט די חברי הביד"צ פון עדה החרדית, אויפן אונגארישן פעלד. ע"כ.

מיין טאטע מו"ה אברהם ישראל הי"ו דערציילט אז ער געדענקט ביים מעמד ברכת החמה תשמ"א, האט ער געוואוינט אויף קיעפ סט. העכער דעם **סקולענער רבי'ן זצ"ל**, און דער סקולענער רבי איז ארויסגעקומען מאכן די ברכה מיט א ספאדיק. (יושע הערשקאוויטש)

**עס דערציילט מיין זיידע**

## הרה"ח ר' יוסף פריעדמאן הי"ו

**תשי"ג-תשמ"א**

אין יאר **תשי"ג** האב איך געוואוינט אין ארץ ישראל אין ירושלים, עס זענען צוזאמען געקומען אלע רבנים פון גאנץ ירושלים צום מעמד קידוש החמה, עס איז געווען א ריזיגער עולם, דער מעמד איז פארגעקומען אויפן פלאץ וואס מ'פלעגט רופן '**די אונגארישע פעלד**', מ'האט געמאכט א ריזיגע רונג פונעם גאנצן עולם, אבער מ'האט נישט געקענט ארומטאנצן דעם גאנצן רונג מער ווי איינמאל צוליב דעם גרויסן ציבור, מ'איז געטאנצן זייער לעבעדיג און מ'האט געזינגען זייער הויך.

לכאורה איז דארט געווען מוזיק אויך, געווענליך אין ירושלים ביי חתונות איז נישטא קיין מוזיק ביי חתונות, נאר פורים און שמחת בית השואבה.

בשנת **תשמ"א** בין איך שוין געווען אין אנטווערפן, קודם איז געווען פארוואלקנט, אבער שפעטער האט זיך שוין באוויזן די זון, כדי מ'זאל קענען מקיים זיין די גרויסע מצוה.

איך האב געהערט פון **הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זצוק"ל**, אז **דער ציעשנוב'ער רב** האט געפרעגט זיין טאטן דעם **הייליגן שינאווער רב זי"ע** צי מ'פארט צי א צדיק אויף קידוש החמה, האט ער אים געענטפערט **"יא, אבער עס קומט נישט צו צו קידוש לבנה"**. (יואל ברי"ש הלוי פריעדמאן).

**עס דערציילט מיין זיידע**

## הרה"ח ר' שאול לייב זאלדאן הי"ו

**תשי"ג**

מיר זענען נאך געווען קליינע קינדער, איך געדענק דאס נאך אזוי ווי היינט, דער טאטע ע"ה האט אונז אויפגעוועקט פארטאגס, מיר זענען געגאנגען אין ביהמ"ד דאווענען.

מיר האבן געוואוינט אין **בני ברק** שיכון ה', דארט איז געווען א קליינער עולם ארום צוויי מנינים, נאכן דאווענען זענען מיר ארויף אויף א בארג, און מ'האט פון דארט געזעהן די זון. מ'האט געמאכט די ברכה מיט אזעלכע קולות אז מיר קינדער האבן זיך דערשראקן פון די קולות, און דערנאך האט מען געזינגען **'טובים מאורות'** און נאך ניגונים, ווען מ'האט געענדיגט האט מען געטיילט פאר די קינדער צוקערלעך. (א יאר שפעטער איז געפאלן ערב פסח אום שבת, און דער טאטע האט אונז אויפגעוועקט פארטאגס און מיר זענען געגאנגען אין ביהמ"ד, האב איך געזאגט פאר די קינדער אז היינט גייען מיר אויך ארויף אויפן בארג אזוי ווי פאראיאר). (אברהם אלי' זאלדאן)

**עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת**

## הרה"ח ר' שמואל אליעזר פערל ע"ה

**תשי"ג**

זי האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און זייענדיג א צען יעריג מיידל האט זי מיטגעהאלטן דעם שיינעם מעמד, קידוש החמה.

עס איז געקומען א ריזיגער עולם צום הויף וואס מ'האט גערופן 'דער אונגארישער הויף', קינדער פון א חודש אלט ביז די הונדערט און צוואנציג, אלע זענען געווען אנגעטון מיט בגדי שבת.

די גרעסטע שמחה ביי די קינדער איז געווען אז לכבוד דעם מעמד זענען אלע תלמוד תורה'ס געגאנגען מיט צוויי שעה שפעטער ווי א געווענליכע טאג, ווייל ביי קיין צווייטע געלעגענהייט איז קיינמאל נישט געווען אזא מציאות אז מ'זאל גיין שפעטער אין חדר, נאר איינמאל אין 28 יאר! (יואל ברי"ב פערל, יואל ברמ"ד פערל, שלום יוסף פערל)

## יעלו ויבואו על הברכה הני אנשי חיל רמי המעלה
## אשר הועילו בטובם לבא לעזרתינו שנוכל להוציא
## דבר שלם ומתוקן לתועלת תינוקות של בית רבן

הרבני החסיד המאיר עיני ישרא"ל בנוסחאות התפילה
כש"ת ר' **ישראל חיים שטעסל** שליט"א
**שהעניק לנו נוסח הברכה בתשואת חן**

אחי יקירי הרה"ג ר' **זאב אהרן** טעללער שליט"א
והרה"ג ר' **יואל יצחק שטערן** שליט"א
ראשי מערכת קובץ "בית וועד לחכמים"
שע"י מבצר הכוללים פה קרית יואל
**שעמדו לימינינו במסירות נאמנה**

הרבני החסיד המפואר ר' **עמרם נתן פעלבערבוים** שליט"א
מרביץ תורה בת"ת תו"י דרב"י ד'סאטמאר בקרית יואל
**שעומד לימינינו בכל עת ועונה**

הרב החסיד המפואר ר' **משה אלי' גרין** שליט"א
מנהל רוחני בת"ת תו"י דרב"י ד'סאטמאר בוויליאמסבורג
ואתו עמו האברך החשוב ר' **חנני' יו"ט ליפא** ברח"ל **פריעדמאן** הי"ו
מרביץ תורה בת"ת תו"י דרב"י ד'סאטמאר בוויליאמסבורג
**שעזרו לנו בכל מה שאפשר בתשואת חן**

הרבני החסיד המפואר ר' **יצחק פריעדמאן** שליט"א
**שפעולתו הנפלאה בביאור ענין קידוש החמה היה לנו לעינים**

האברך היקר ספרא רבא
**ר' אלתר שמואל טאמבור הי"ו**
מלומדי כולל "ויואל משה" בירושלים עיה"ק
**שרבות נעזרנו ממעשי ידיו להתפאר**

**אחרון חביב ידידי עוז העומד לימין מוסדותינו**
**הקדושים במסירות נפש ממש**
הרה"ח ר' **דוד לייב גרינפעלד** הי"ו
מנהל גשמי דישיבה לצעירים פה קרית יואל
על אשר פועל ועושה בכל עת ובכל זמן
ובמיוחד להצלחת הקונטרס הלז